בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ

סֵפֶר

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

בְּרִיוְון פוּן חִיזוּק, אֱמוּנָה
אוּן פְּרַאקְטִישֶׁע עֵצוֹת פַאר'ן לֶעבְּן,
גֶעשְׁרִיבְּן דוּרְךְ רֹאשׁ יְשִׁיבַת
תִּפְאֶרֶת הַתּוֹרָה בְּרֶסְלֶב

**אִידִישׁ**

**פַּרְשַׁת רְאֵה**

**תשפ"ד**

# היכל הקודש ברסלב

**181 Huschke Road,** Liberty NY 12747

היכל הקודש

## וויליאמסבורג

**27 Skillman Street**
Brooklyn NY 11205
**718.384.1652**

היכל הקודש

## בארא פארק

**1415 55th Street**
Brooklyn NY 11219
**347.760.5924**

היכל הקודש

## קרית יואל

**8 Hayes Ct.**
Monroe NY 10950
**845.467.5299**

היכל הקודש

## קרית יואל

**8 Premishlan Way.**
Monroe NY 10950
**845.243.0563**

היכל הקודש

## בלומינגראוו

**24 Merriewold LN S**
Monroe NY 10950
**845.238.0804**

היכל הקודש

## מאנסי

**34 Union Rd,**
Spring Valley, NY 10977
**845.445.9314**

היכל הקודש

## ירושלים

**רחוב רבי נחמן מברסלב 15**
**054.845.6150**

היכל הקודש

## בני ברק

**רחוב ירושלים 2**
**052.760.5715**


נדפס ע"י

**קרן הדפסה היכל הקודש**
2623 State Route 52
Liberty, NY 12754
**718.387.2691**
www.BreslevCenter.com

עריכה, הגהה והוצאה לאור ע"י

**מכון עצתו אמונה**
maebreslev@gmail.com


צו הערן די
הערליכע שיעורים
פונעם ראש ישיבה שליט"א
רופט:

**קול ברסלב**

**212.444.9191**

**חיזוק פאר די אידישע שטוב**

**212.444.9169**

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

אִיז גוּט צוּ קוֹיפְן הֶעלְט אִינְשׁוּרֶענְס?..................................א

וִוי אַזוֹי וָואלְט אִיךְ בַּאדִינְט מַיין מַאמֶע?..............................ב

אִיךְ קֶען נִישְׁט מֶער, זָאל אִיךְ אַנְטְלוֹיפְן?................................ג

# אִישׁ אֱמוּנוֹת

זִיךְ גֶעדְרֵייט אוֹיף דֶער עֶרְד וִוי אַ רֶעדְל פַּאר שִׂמְחָה..........................א

עֶס אִיז כְּדַאי צוּ וואוֹינֶען נֶעבְן דֶעם שְׁוֶוער..................................ב

צוּבִּיסְלִיךְ זִיךְ אָפְּגֶעוואוֹינֶען פוּנֶעם סְמַארְט טֶעלֶעפָאן..........................ג

אִיךְ בֶּעט זִיךְ אַז דִי קִיאַסְק זָאל זַיין גֶעפִילְטֶערְט..............................ד

אִיךְ גֶעדֶענְק דִי לִיבְּשַׁאפְט וָואס מוֹהֲרָא"ש הָאט גֶעהַאט צוּ דִיר...............ד

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער ווִיל מִיר נָאר אוֹיפְוֶועקְן....................................ה

דִי קִינְדֶער קוּמֶען אַהֵיים פוּן חֶדֶר דוּרְכְגֶעוֵוייקְט מִיט יִרְאָה וְאַהֲבָה..........ו

דֶער ס"ם זוּכְט צוּ מַאכְן פִּירוּד לְבָבוֹת צְוִוישְׁן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ...................ו

אַלֶע צַדִיקִים קוּמֶען צוּ דֶעם מֶענְטְשׁ וָואס אִיז עוֹסֵק אִין הֲפָצָה..................ז

נָאךְ אַבִּיסְל הָאסְטוּ בָּחוּרִים, אוּן זֵיי וֶועלְן נָאכְמַאכְן וָואס זֵיי זֶעעֶן...........ח

שְׁפַּאצִיר צְוִוישְׁן דִי בֵּיימֶער אוּן גְרָאז, אוּן שְׁמוּעֶס מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן..........ח

עֶס לוֹינְט צוּ הֶעלְפְן אִין אוּמַאן..............................................ט

אֲפִילוּ רַייכֶע אִידְן, הָאבְּן נִישְׁט קַיין רֶעכְט צוּ מַאכְן טֵייעֶרֶע שִׂמְחוֹת.......... י
זֶע אַז דַיין וַוייבּ זָאל גֵיין צוּם פְּרוֹיעֶן צַאמְקוּם.............................. יא
לָאז מִיךְ נִישְׁט וֶוערְן צֶעקְוֶועטְשְׁט............................... יב
אַ פְּרוֹי טָאר נִישְׁט גֵיין שְׁווִימֶען מִיט אַ בֶּעדִינְג סוּט...................... יב
אַכְטוּנְג גֶעבְּן וואוּ מֶען נֶעמְט דִי קִינְדֶער............................... יג
דִי "שְׁטֶעטְל בְּלֶעטְל" אִיז דִי אֵיינְצִיגְסְטֶע מַאגַאזִין בַּיי אוּנְז אִין שְׁטוּבּ....... יד
הֶעלְפְן דִי גֶעשְׁווִיסְטֶער מִיט זֵייעֶרֶע קְלֵיינֶע קִינְדֶער........................ יד
שֶׁלֹּא עָשַׂנִי אִשָּׁה, שְׁכֹּחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיךְ לֶערְן תּוֹרָה..................... טו
אוּנְזֶער מוֹסָד אִיז אַלֶע צְדָקוֹת.......................................... טז
אַרַיינְקוּקְן אִין דִי חֶשְׁבּוֹנוֹת, אַוֶועקְשְׁטֶעלְן דִי מוֹסָד אוֹיפְ'ן רִיכְטִיגְן וֶועג... טז
נִישְׁטָא גְרֶעסֶערְס אִין הִימְל פוּן אַ מֵפִיץ.................................. יז
דִי קַארְס זָאלְן נִישְׁט פָארְן דָארְט וואוּ דִי קִינְדֶער שְׁפִּילְן..................... יח
עֶס אִיז דָא אַסַאךְ זַאכְן מִיט וָואס דוּ קֶענְסְט מְשַׁמֵּשׁ זַיין דֶעם רֶבִּי'ן.......... יט
פַּרְנָסָה אִיז נִישְׁט דִי דַאֲגָה פוּן אַ אִידִישֶׁע מַאמֶע............................ כ
בֶּעט דַיין מַאמֶע מִיט רַחְמָנוּת, נִישְׁט מִיט חוּצְפָּה חַס וְשָׁלוֹם............... כא
יְיַשֶׁר כֹּחַ פַארְן הֶעלְפְן שַׁאפְן גֶעלְט פַאר אוּנְזֶער מוֹסָד........................ כב
דִי זוּמֶער אִיז אַרִיבֶּער, וָואס אִיז דֶער פְּלַאן אוֹיף וַוייטֶער?.................. כב
עֶס קוּמְט חוֹדֶשׁ אֱלוּל, וואוּ הַאלְט אִיךְ אוֹיף דֶער וֶועלְט?..................... כג
נֶעם אַ מִשְׁנָיוֹת, אַנְשְׁטָאט מִישְׁן נֵייעֶס........................................ כד
דִי עֲבוֹדָה פוּן חוֹדֶשׁ אֱלוּל.................................................... כה
עֶטְלִיכֶע פּוּנְקְטְן פַאר דִי הַצְלָחָה פוּן דִי קִינְדֶער צוּם נֵייעֶם לֶערְן יָאר........ כו

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

## אִיז גוּט צוּ קוֹיפְן הֶעלְט אִינְשׁוּרֶענְס?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט פְּרֶעגְן אִיבֶּער קוֹיפְן אִינְשׁוּרֶענְס. דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א זָאגְט גֶעוֶועגְלִיךְ אַז עֶס פֶּעלְט נִישְׁט אוֹיס צוּ קוֹיפְן "לֵייף אִינְשׁוּרֶענְס", אִיז דִי זֶעלְבֶּע אוֹיךְ בַּיי "הֶעלְט אִינְשׁוּרֶענְס"?

אוּן אוֹיבּ אִיז "הֶעלְט אִינְשׁוּרֶענְס" יָא גוּט צוּ קוֹיפְן, וֶועלְכֶע סָארְט זָאל אִיךְ קוֹיפְן? דִי הֶעכְסְטֶע אָדֶער אִיז גֶענוּג אַ מִינִימַאלֶע אִינְשׁוּרֶענְס פַּאלִיסִי?

יֶעצְט צָאל אִיךְ אַסַאךְ גֶעלְט פַאר "הֶעלְט אִינְשׁוּרֶענְס", נָאךְ פוּן אֵיידֶער אִיךְ בִּין מְקוּרָב גֶעוָוארְן, אוּן אִיךְ וֵוייס נִישְׁט ווִי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן מִיט דֶעם הַיינְט.

אִיךְ וֶועל זִיךְ פְרֵייעֶן צוּ בַּאקוּמֶען הַדְרָכָה אִין דֶעם עִנְיָן.

יְיַשֵׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת וָאֶתְחַנַּן, י' מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

**לֵייף אִינְשׁוּרֶענְס אִיז אַן אִיבְּרִיגֶע זַאךְ, עֶס פֶּעלְט בִּכְלַל נִישְׁט אוֹיס, אָבֶּער הֶעלְט אִינְשׁוּרֶענְס - זָאגְט מוֹהֲרַ"אשׁ - מוּז מֶען הָאבְּן, וַוייל חַס וְחָלִילָה אַז מֶען דַארְף אָנְקוּמֶען אִין שְׁפִּיטָאל, אָדֶער צוּ אַ דָאקְטֶער - דַארְף מֶען הָאבְּן דֶעקוּנְג.**

**אַזוֹי אוֹיךְ אִינְשׁוּרֶענְס אוֹיף דִי דִירָה, אִיז אוֹיךְ אַ זַאךְ וָואס מֶען דַארְף מַאכְן,**

וַוייל חַס וְשָׁלוֹם אַז עֶס וֶועט פַּאסִירְן אַ שְׂרֵפָה קֶען מֶען אִין אֵיין רֶגַע בְּלַייבְּן בְּעֵרוֹם וּבְחֹסֶר כֹּל.

הֶעלְט אִינְשׁוּרֶענְס אִיז נִישְׁט קַיין חִסָּרוֹן אֱמוּנָה; מֶען דַארְף הָאבְּן אֱמוּנָה אוּן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מֶען זָאל נִישְׁט דַארְפְן אָנְקוּמֶען צוּ קַיין דָאקְטֶער, אוּן אַזוֹי אוֹיךְ פֵייעֶר אִינְשׁוּרֶענְס אִיז נִישְׁט קַיין חִסָּרוֹן אִין אֱמוּנָה; מֶען דַארְף הָאבְּן אֱמוּנָה אוּן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מֶען זָאל קֵיינְמָאל נִישְׁט דַארְפְן אָנְקוּמֶען צוּ דֶעם.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## ווִי אַזוֹי וָואלְט אִיךְ בַּאדִינְט מַיין מַאמֶע?

## שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

יְיַשֶׁר כֹּחַ פַארְן מִיר גֶעבְּן דִי מַתָּנָה וָואס הֵייסְט אַ 'מַאמֶע'.

נֶעכְטְן נַאכְט הָאט מַיין מַאמֶע מִיר גֶעבֶּעטְן אִיךְ זָאל אִיר שְׁמִירְן עֶפֶּעס אַ זַאלְב וָואס שְׁמֶעקְט זֵייעֶר נִישְׁט גוּט, וַוייל פוּן וֶוען זִי הָאט גֶעמַאכְט קִימָא טֶערָאפִּי אִיז אִיר רוּקְן פַארְשְׁטֵייפְט, אוּן מֶען קֶען גָארְנִישְׁט טוּן פַאר דֶעם, אוּן מַיין מַאמֶע הָאט מִיר גֶעבְּרֶענְגְט אַ הֶענְטְשִׁיךְ אִיךְ זָאל אִיר אָנְשְׁמִירְן מִיט דֶעם דִי זַאלְב.

הָאבּ אִיךְ אִיר גֶעפְרֶעגְט: "פַארְוָואס אַ הֶענְטְשִׁיךְ?" זָאגְט זִי מִיר: "וַוייל דִי זַאלְב שְׁמֶעקְט אַבִּיסְל, אוּן אִיךְ וִויל נִישְׁט דוּ זָאלְסְט זִיךְ עֶקְלֶען", הָאבּ אִיךְ אִיר גֶעעֶנְטְפֶערְט, "מַאמֶע, דוּ הָאסְט אַזַא הֵיילִיגֶע גוּף, אִיךְ וִויל עֶס נִישְׁט אָנְבַאפְּן מִיט קַיין הֶענְטְשְׁקֶעס, נָאר מַיין הַאנְט אַלֵיין זָאל הָאבְּן דִי זְכִי'..." אוּן עֶס הָאט זִיךְ אוֹיסְגֶעשְׁפְּרֵייט אוֹיף אִיר פָּנִים אַ רִיזִיגֶע שְׁמֵייכְל.

אוּן אַלֶעס אִיז צוּ פַארְדַאנְקֶען דִי אַלֶע שִׁיעוּרִים אִין וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א רֶעדְט וֶועגְן דִי פּוּנְקְט, אַז מֶען הֶעלְפְט נִישְׁט מִיט הֶענְטְשְׁקֶעס, נָאר מִיט דִי גַאנְצֶע ווילְן אוּן מִיט דִי אֵייגֶענֶע הֶענְט - כַּאפְּט מֶען אַזֶעלְכֶע מִצְוֹת.

יְיַשֶׁר כֹּחַ פַארְן מִיר שֶׁענְקֶען אַ מַאמֶע, אַ זַאךְ וָואס אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעכַאפְּט אַז אִיךְ הָאבּ - פַארְן הֶערְן דִי הֵיילִיגֶע שִׁיעוּרִים.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת וָאֶתְחַנַּן, י״ מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן מָרַת ... תִּחְיֶ׳**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

וואוּיל אִיז אַייךְ און וואוּיל אִיז אַייעֶר חֵלֶק אַז אִיר זֶענְט מְכַבֵּד אַייעֶר מַאמֶע מִיט שִׂמְחָה און פַארְגֶענוּגְן, דִי מַעֲשֶׂה וָואס אִיר שְׁרַייבְּט דֶערְמַאנְט דִי מַעֲשֶׂה וָואס חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה דֶערְצֵיילְן (יְרוּשַׁלְמִי קִידוּשִׁין א, ז) רֶבִּי טַרְפוֹן אִיז גֶעגַאנְגֶען שְׁפַּאצִירְן שַׁבָּת מִיט זַיין מַאמֶע און אִיר שִׁיךְ הָאט זִיךְ צֶערִיסְן, הָאט רֶבִּי טַרְפוֹן זִיךְ אַרָאפְּגֶעלֵייגְט און גֶעלֵייגְט זַיינֶע הֶענְט אוֹיף דֶער עֶרְד, זָאגְנְדִיג: ״מַאמֶע, טְרֶעט אוֹיף מִיר״, כְּדֵי זִי זָאל נִישְׁט גֵיין בָּארְוֶועס, אַזוֹי אִיז עֶר גֶעגַאנְגֶען מִיט אִיר בִּיז זִי אִיז אָנְגֶעקוּמֶען צוּ אִיר שְׁטוּבּ, דֶער צַדִיק הָאט נִישְׁט גֶעטְרַאכְט פוּן זִיךְ, פוּן דִי שְׁנִיטְן וָואס עֶר וֶועט בַּאקוּמֶען פוּן דִי שְׁמוּצִיגֶע עֶרְד וָואס וֶועט שְׁמוּצִיג מַאכְן זַיינֶע הֶענְט, עֶר הָאט נָאר גֶעטְרַאכְט פוּן דִי כָּבוֹד פוּן זַיין מַאמֶע.

נִישְׁטָא קַיין גְרֶעסֶערֶע זַאךְ בַּיי אִידִישֶׁע קִינְדֶער וִוי טַאטֶע מַאמֶע, און וֶוער עֶס אִיז מְכַבֵּד דִי עֶלְטֶערְן מִיט לִיבְּשַׁאפְט און שִׂמְחָה - זָאגְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער - ״אִיז עֶס אַזוֹי וִוי דוּ בִּיסְט מִיךְ מְכַבֵּד״, און וֶוער עֶס אִיז מְכַבֵּד זַיינֶע עֶלְטֶערְן - אִיז אִים דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מוֹחֵל אַלֶע זַיינֶע עֲבֵירוֹת. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (תַּנָּא דְבֵי אֵלִיָּהוּ, פֶּרֶק כו): ״כָּל זְמַן שֶׁאָדָם מְכַבֵּד אֶת אָבִיו וְאֶת אִמּוֹ אֵין חֵטְא בָּא עַל יָדוֹ״ וֶוער עֶס אִיז מְכַבֵּד זַיינֶע עֶלְטֶערְן - וֶועט נִישְׁט צוּקוּמֶען צוּ טוּן עֲבֵירוֹת, ״וְאִם חָטָא״ און אוֹיבּ עֶר הָאט שׁוֹין גֶעטוּן עֲבֵירוֹת, ״נִמְחַל לוֹ״ אִיז אִים דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מוֹחֵל אוֹיף דִי עֲבֵירוֹת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## אִיךְ קֶען נִישְׁט מֶער, זָאל אִיךְ אַנְטְלוֹיפְן?

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ פִּיל וִוי אִיךְ קֶען נִישְׁט מֶער, אִיךְ וִויל אַרוֹיסְטְשֶׁעקְן, גֵיין וואוֹינֶען אַלֵיין.

אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר לִיבּ מַיין וַוייבּ, אָבֶּער אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קַיין גֶעלְט צוּ צָאלְן דִי גְרָאסֶערִי, מַיין אִינְגְל גֵייט בַּאקוּמֶען פֵּיאוֹת, אִיךְ דַארְף קוֹיפְן צִיצִית אוּן קַאפְּל, אוּן אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קַיין פְּרוּטָה.

אֶפְשָׁר זָאל אִיךְ וואוֹינֶען אַלֵיין?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פָּרָשַׁת עֵקֶב, י"ז מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן**

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

**מַיין לִיבֶּער בְּרוּדֶער, מַיין הַארְצִיגֶער חָבֵר, נִישְׁטָא וואוּ צוּ אַנְטְלוֹיפְן, אִין אֵיין פְּלַאץ קֶענְסְטוּ אַנְטְלוֹיפְן: "אַנְטְלוֹיף צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן"; גֵיי אִין אַ ווִינְקְל אוּן וֵויין זִיךְ אוֹיס צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, בֶּעט אִים פַאר פַּרְנָסָה: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם הֶעלְף מִיר, אִיךְ דַארְף פַּרְנָסָה, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קַיין גֶעלְט צוּ קוֹיפְן עֶסְן פַאר מַיין וַוייבּ אוּן קִינְדֶער", נָאר דָאס וֶועט דִיר הֶעלְפְן.**

**הֶער אַ מַעֲשֶׂה וָואס הָאט פַּאסִירְט בַּיי רֶבִּי נַחְמָן טוּלְטְשִׁינֶער זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה, אַמָאל אִיז גֶעוֶוען בַּיי אִים דִי מַצָּב אַזוֹי וִוי בַּיי דִיר, זֵייעֶר עֶנְג, עֶר הָאט נִישְׁט גֶעהַאט צוּ גֶעבְּן פַאר דִי קִינְדֶער קַיין עֶסְן, הָאט עֶר גֶעטְרַאכְט עֶר וֶועט פָארְן קַיין אָדֶעסָא וואוּ עֶס וואוֹינְט זַיין פֶּעטֶער אַ גְרוֹיסֶער גְבִיר, דֶער פֶּעטֶער וֶועט אִים זִיכֶער אַרוֹיסְהֶעלְפְן.**

**עֶר הָאט נִישְׁט גֶעהַאט קַיין גֶעלְט צוּ דִינְגֶען אַ פֶערְד אוּן וָואגְן קַיין אָדֶעסָא, הָאט עֶר זִיךְ אַרוֹיסְגֶעלָאזְט צוּפִיס, וֶוען עֶר אִיז אָנְגֶעקוּמֶען קַיין אָדֶעסָא, קְלַאפְּט עֶר אַרַיין צוּ זַיין פֶּעטֶער, קוּמְט אֵיינֶער צוּם טִיר אוּן פְרֶעגְט: "וֶוער אִיז דָארְט?" עֶנְטְפֶערְט עֶר: "נַחְמָן פוּן טוּלְטְשִׁין!" עֶר קוּמְט אַרַיין, דֶער פֶּעטֶער גֶעבְּט אִים אַ קַאלְטֶע שָׁלוֹם עֲלֵיכֶם, אוּן זָאגְט אִים: "אַנְטְשׁוּלְדִיגְט, אִיךְ קֶען נִישְׁט רֶעדְן יֶעצְט", אוּן עֶר מַאכְט צוּ דִי טִיר.**

**רֶבִּי נַחְמָן טוּלְטְשִׁינֶער הָאט שִׁיעֶר גֶע'חַלֶשְׁ'ט, עֶר אִיז גֶעוָוארְן זֵייעֶר צֶעבְּרָאכְן, אוֹיפְן וֶועג אַהֵיים הָאט עֶר זִיךְ זֵייעֶר צוּאֵויינְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן עֶר הָאט גֶעזָאגְט: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, אִיךְ שֶׁעם זִיךְ פוּן דִיר פַארְוָואס אִיךְ הָאבּ זִיךְ פַארְלָאזְט אוֹיף מַיין רֵייכֶער פֶּעטֶער פוּן אָדֶעסָא אוּן נִישְׁט אוֹיף דִיר, זַיי מִיר מוֹחֵל**

**אֵייבֶּערְשְׁטֶער, הֶעלְף מִיר אַז אִיךְ זָאל אֵייבִּיג גֶעדֶענְקֶען אַז נָאר דוּ קֶענְסְט מִיר הֶעלְפְן, און אִיךְ זָאל זִיךְ נִישְׁט פַּארְלָאזְן אוֹיף קֵיינֶעם".**

שְׁפֶּעטֶער הָאט עֶר דֶערְצֵיילְט פַּאר זַיין רֶבִּי, רֶבִּי נָתָן - דִי מַעֲשֶׂה, זָאגְט אִים רֶבִּי נָתָן: "אַז מֶען הָאט אַ צָרָה פָּארְט מֶען קַיין אָדֶעסָא?! אַז מֶען הָאט אַ צָרָה פָּארְט מֶען קַיין אוּמַאן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס צִיוּן און מֶען וֵויינְט זִיךְ אוֹיס צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן".

לוֹיף נִישְׁט אַוֶועק פוּן דַיין וַוייבּ און קִינְדֶער, אַוֶועק לוֹיפְן וֶועט דִיר נִישְׁט הֶעלְפְן, דָוִד הַמֶּלֶךְ זִינְגְט אִין תְּהִלִּים (תְּהִלִּים קלט, ו-יב): "פְּלִיאָה דַעַת מִמֶּנִּי נִשְׂגְּבָה לֹא אוּכַל לָהּ, אָנָה אֵלֵךְ מֵרוּחֶךָ, וְאָנָה מִפָּנֶיךָ אֶבְרָח", עֶס אִיז מִיר אַ וואוּנְדֶער וִוי אַ מֶענְטְשׁ קֶען טְרַאכְטְן בַּיי זִיךְ אַז עֶר קֶען אַנְטְלוֹיפְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, "אִם אֶסַּק שָׁמַיִם שָׁם אָתָּה", וַוייל אַז אִיךְ וֶועל אַרוֹיפְגֵיין אִין הִימְל - בִּיסְטוּ דָארְט רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, "וְאַצִּיעָה שְּׁאוֹל הִנֶּךָּ", אַז אִיךְ וֶועל זִיךְ בַּאהַאלְטְן אִין תְּהוֹם - בִּיסְטוּ וַוייטֶער דָארְט רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, "אֶשָּׂא כַנְפֵי שָׁחַר אֶשְׁכְּנָה בְּאַחֲרִית יָם, גַּם שָׁם יָדְךָ תַנְחֵנִי וְתֹאחֲזֵנִי יְמִינֶךָ", אַז אִיךְ וֶועל אַנְטְלוֹיפְן צוּ אַ וַוייטֶע לַאנְד אַרִיבֶּער דֶעם גְרוֹיסְן יַם - דָארְט בִּיסְטוּ אוֹיךְ רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, "וָאֹמַר אַךְ חֹשֶׁךְ יְשׁוּפֵנִי וְלַיְלָה אוֹר בַּעֲדֵנִי, גַּם חֹשֶׁךְ לֹא יַחְשִׁיךְ מִמֶּךָ, וְלַיְלָה כַּיּוֹם יָאִיר כַּחֲשֵׁיכָה כָּאוֹרָה", אַז אִיךְ וֶועל מִיךְ בַּאהַאלְטְן אִין דִי פִינְסְטֶערְנִישׁ - דָארְט בִּיסְטוּ אוֹיךְ רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, בַּיי דִיר אִיז נִישְׁט קַיין חִילּוּק צִי עֶס אִיז טוּנְקְל אָדֶער לִיכְטִיג; אִיז וִוי קֶען מֶען זִיךְ בַּאהַאלְטְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן!?

נֶעם אַ תְּהִלִּים און זִינְג צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דַאנְק אִים פַאר אַלֶעס גוּטְס וָואס עֶר טוּט מִיט דִיר און אוֹיךְ בֶּעט אִים פַאר אַ נֵס, פַאר פַּרְנָסָה; וֶועסְטוּ זֶען אַז גְרוֹיסֶע נִיסִים וֶועט גֶעשֶׁען.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

# אִישׁ אֱמוּנוֹת

**זִיךְ גֶעדְרֵייט אוֹיף דֶער עֶרְד וִוי אַ רֶעדְל פַּאר שִׂמְחָה**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת וָאֶתְחַנַּן, י׳ מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן**
**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר, שְׁטַארְק זִיךְ מִיט דַיין הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט, מִיט אַרוֹיסְגֶעבְּן דִי נֵייעֶ שֵׁיינֶע הֶערְלִיכֶע קוּנְטְרֵסִים עֲצָתוֹ אֱמוּנָה. טוֹיזְנְטֶער אוּן צֶענְדְלִיגֶער טוֹיזְנְטֶער זֶענֶען זִיךְ מְחַיֶּ׳ מִיט דִי נֵייעֶ קוּנְטְרֵסִים וָואס עֶנְטְהַאלְטְן חִיזוּק, עֵצוֹת וְהַדְרָכָה פַאְרן לֶעבְּן, וָואס מוֹהֲרָא״ש הָאט גֶעלֶערְנְט מִיט אוּנְז פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן.

אִיךְ ווִיל דִיר זֵייעֶר בֶּעטְן זָאלְסְט זִיךְ נֶעמֶען צוּ דִי עֲצָתוֹ אֱמוּנָה פַּאר קִינְדֶער, טְרַאכְטְן נֵייעֶ גֶעדַאנְקֶען וִוי אַזוֹי מֶען קֶען אָנְצִיעֶן דִי קִינְדֶער זָאלְן לֶעבְּן מִיט דִי ׳עֲצָתוֹ אֱמוּנָה פַּאר קִינְדֶער׳, וַוייל וָואס קִינְדֶער לֵיינֶען - דָאס אִיז וָואס גֵייט אַרַיין אִין זֵייעֶר קָאפּ; אֲפִילוּ עֶס וֶועט זִיךְ טוּן מִיט זֵיי וָואס עֶס וֶועט זִיךְ טוּן - וֶועלְן זֵיי אָבֶּער גֶעדֶענְקֶען זֵייעֶר גַאנְץ לֶעבְּן דִי יִרְאַת שָׁמַיִם, דִי מִידוֹת טוֹבוֹת אוּן דִי חִיזוּק פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן.

דִי וָואךְ זָאל זַיין דִי מַעֲשֶׂה: ״וָואס אִיז אִין הִימְל חָשׁוּב״

בֶּעט דֶעם מֶעלֶער צוּ מַאכְן פַּאר דִי וָואךְ ׳עֲצָתוֹ אֱמוּנָה פַּאר קִינְדֶער׳ אַ בִּילְד פוּן מוֹהֲרָא״ש וִוי עֶר דְרִימְלְט, אוּן פוּן דֶער זַייט וִוי אֵיינֶער דְרֵייט זִיךְ וִוי אַ רֶעדְל, אַ בִּילְד פוּן אַ רֶעדְל אוּן נָאךְ אַ רֶעדְל, מֶען זָאל זֶען אִינֶעם בִּילְד וִוי אֵיינֶער דְרֵייט זִיךְ.

**שַׁא שְׁטִיל... עֶס אִיז אִינְמִיטְן דִי נַאכְט... מוֹהֲרָא״שׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ דְרִימְלְט אוּן עֶר זֶעט אַן אִינְטֶערֶעסַאנְטֶע חָלוֹם.**

עֶר חָלוֹמְ׳ט זִיךְ ווִי עֶס קוּמְט צוּ פְלִיעֶן אַ נְשָׁמָה פוּן דִי הוֹיכֶע הִימְלֶען, דִי נְשָׁמָה זֶעט אוֹיס צוּ זַיין זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ, דִי נְשָׁמָה׳ס פָּנִים שַׁיינְט פוּן שִׂמְחָה, דִי נְשָׁמָה זֶעט אוֹיס ווִי עֶס טַאנְצְט, מוֹהֲרָא״ש וַוארְט צוּ הֶערְן פוּן דִי נְשָׁמָה עֶפֶּעס פוּן יֶענֶע וֶועלְט, וָואס אִיז חָשׁוּב אִין הִימְל.

עֶס אִיז שְׁטִיל, דִי לְבָנָה שַׁיינְט, אוֹיךְ זֶעט מֶען דִי שְׁטֶערְנְס ווִי זֵיי שְׁטְרַאלְן, דִי הִימְל אִיז שְׁוַוארְץ, דִי נְשָׁמָה זָאגְט אִין חָלוֹם: ״וָואלְטְן מֶענְטְשְׁן גֶעווּאוּסְט ווִי חָשׁוּב אִין הִימְל אִיז וֶוען מֶען אִיז פְרֵיילִיךְ, ווִי הֵיילִיג עֶס אִיז צוּ זַיין לוּסְטִיג – וָואלְט מֶען זִיךְ גֶעדְרֵייט אוֹיף דֶער עֶרְד ווִי אַ רֶעדְל פַאר שִׂמְחָה״.

אַזוֹי רֶעדְנְדִיג זֶעט מוֹהֲרָא״ש ווִי דִי נְשָׁמָה הוֹיבְּט זִיךְ אָן דְרֵייעֶן ווִי אַ רֶעדְל, דִי נְשָׁמָה הָאט זִיךְ גֶעדְרֵייט אוּן גֶעדְרֵייט בִּיז עֶר הָאט אִיר מֶער נִישְׁט גֶעזֶען.

מוֹהֲרָא״שׁ וֶועקְט זִיךְ אוֹיף, מוֹהֲרָא״ש גִיסְט אָפּ נֶעגְל וַואסֶער, אוּן עֶר הוֹיבְּט אָן טַאנְצְן. מוֹהֲרָא״ש הָאט יֶעדְן טָאג גֶעטַאנְצְן, עֶס אִיז נִישְׁט אַרִיבֶּער אֵיין טָאג וָואס מוֹהֲרָא״ש זָאל נִישְׁט טַאנְצְן פַאר שִׂמְחָה אַז עֶר אִיז אַ אִיד אוּן נִישְׁט קַיין גוֹי, אוּן אַז עֶר וֵוייסְט פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן, אוּן מוֹהֲרָא״ש שְׁרַייבְּט אַרָאפּ דִי חָלוֹם פַאר אוּנְז, מִיר זָאלְן ווִיסְן דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן שִׂמְחָה.

דֶער טַאטֶע הוֹיבְּט אָן זִינְגֶען: ״שְׂכַח אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיךְ בִּין אַ אִיד, שְׂכַח אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיךְ הִיט שַׁבָּת״ אוּן אַלֶע קִינְדֶער לֵייגְן זִיךְ אַרָאפּ אוֹיף דִי עֶרְד אוּן מֶען הוֹיבְּט זִיךְ אָן דְרֵייעֶן ווִי אַ רֶעדְל פַאר שִׂמְחָה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## עֶס אִיז כְּדַאי צוּ וואוֹינֶען נֶעבְּן דֶעם שְׁוֶוער

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת וָאֶתְחַנַּן - נַחֲמוּ, י״ב מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר

דִי מִצְוָה פוּן כִּיבּוּד אָב וָאֵם אִיז אֵיין לְשַׁעֵר, אַוַודַאי אִיז עֶס נִישְׁט גְרִינְג, אָבֶּער דִי מִצְוָה אִיז אַזוֹי גְרוֹיס אַז אַלֶעס פַאלְט אַוֶועק.

בְּנוֹגֵעַ קוֹיפְן אַ דִירָה נֶעבְּן דַיין שְׁוֶוער וְכוּ׳; עֶס אִיז כְּדַאי, אַזוֹי וֶועט דַיין וַוייבּ תִּחְיֶ׳ - וָואס זִי אִיז דִי יוּנְגְסְטֶע - קֶענֶען הֶעלְפְן אִירֶע עֶלְטֶערְן, עֶס וֶועט דִיר נִישְׁט

שָׁאטְן, עֶס וֶועט דִיר גָארְנִישְׁט פֶּעלְן. כִּיבּוּד אָב וָאֵם אִיז אַזַא גְרוֹיסֶע מִצְוָה, אַלֶעס אִיז כְּדַאי; מֶען פַּארְדִינְט סַיי אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן סַיי אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט, אוֹיךְ אִיז כִּיבּוּד אָב וָאֵם מְכַפֵּר עֲווֹנוֹת (עַיֵּין תַּנָא דְבֵי אֵלִיָּהוּ רַבָּה, פֶּרֶק כו).

גֶעוואוֹין זִיךְ צוּ אָנְצוּהוֹיבְּן דַיין טָאג מִיט תְּפִלָּה וְהִתְבּוֹדְדוּת, כָאפּ אַ שְׁפַּאצִיר, שְׁמוּעֶס מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, שְׁמוּעֶס אוֹיף דַיין שְׁפְּרַאךְ; הוֹיבּ אָן מִיט דַאנְקֶען, דַאנְק אִים אוֹיף אַלֶעס וָואס עֶר טוּט מִיט דִיר אוּן בֶּעט אוֹיף וַוייטֶער.

...

## צוּבִּיסְלִיךְ זִיךְ אָפְּגֶעוואוֹינֶען פוּנֶעם סְמַארְט טֶעלֶעפָאן

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת וָאֶתְחַנַּן - נַחֲמוּ, י"ב מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן

**טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

נֶעכְטְן נָאכְן שִׁיעוּר הָאסְט מִיךְ מְחַיֶּ' גֶעוֶועןְ מִיטְן זָאגְן אַז זַייט אָנְהוֹיבּ זוּמֶער - בְּרֶענְגְסְטוּ נִישְׁט אַרַיין דַיין סְמַארְט טֶעלֶעפָאן אִין שְׁלָאף שְׁטוּב, דוּ פְּרוּבִּירְסְט צוּבִּיסְלִיךְ זִיךְ אָפְּגֶעוואוֹינֶען פוּן דִי עֶדִיקְשְׁן פוּן הַאלְטְן דִי סְמַארְט טֶעלֶעפָאן טָאג אוּן נַאכְט; הָאסְט מִיךְ מַמָּשׁ מְחַיֶּ' גֶעוֶועןְ.

בַּיי דִי שִׁיעוּר נֶעכְטְן נַאכְט הָאבּ אִיךְ מַמָּשׁ זִיךְ גֶעשְׁטִיקְט פוּן צַעַר אוּן גֶעוֵויין, פוּן וִויפִיל שְׁטִיבֶּער צֶעפַאלְן צוּלִיבּ דֶעם סְמַארְט טֶעלֶעפָאן; וִויפִיל וַוייבְּלֶעךְ שְׁרַייבְּן מִיר אוּן רוּפְן מִיט גֶעוֵויין אַז זֵיי קֶענֶען נִישְׁט גֶעוִוינֶען זֵייעֶר מַאן'ס הַארְץ צוּלִיבּ דֶעם טֶעלֶעפָאן, עֶס פַאר'שִׁיכּוֹר'ט, עֶס מַאכְט פַּארְטֶעמְפְּט, וִויפִיל זֵיי טוּעֶן פַארְן מַאן - קֶענֶען זֵיי נִישְׁט בַּאקוּמֶען אַפָּאר מִינוּט פוּן שְׁמוּעֶסְן, רֶעדְן אוּן זִיךְ אָנְקוּקְן מִיט לִיבְּשַׁאפְט, דֶער סְמַארְט טֶעלֶעפָאן גַנְבְ'עֶט זֵייעֶר מַאן, זֵיי לַיידְן וְכוּ'; פַאר מִיר אִיז דָאס דִי גְרֶעסְטֶע וֵוייטָאג.

הַלְוַאי זָאלְסְטוּ אִינְגַאנְצְן פָּטוּר וֶוערְן פוּן דִי סְמַארְט טֶעלֶעפָאן.

בַּיים רֶבִּי'ן אִין אוּמַאן זָאלְסְטוּ נָאר אוֹיף דֶעם בֶּעטְן; אוֹיף הֵיילִיגְקֵייט, רֵיינְקֵייט, קְדוּשָּׁה וְטָהֳרָה.

...

## אִיךְ בֶּעט זִיךְ אַז דִי קִיאַסְק זָאל זַיין גֶעפִילְטֶערְט

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת וָאֶתְחַנַּן - נַחֲמוּ, י״ב מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרער ... נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

אִיךְ דַארְף דוּ זָאלְסְט מִיר הֶעלְפְן מִיט דִי קִיאַסְק; וִויפִיל אִיךְ רֶעד צוּ ... נֵרוֹ יָאִיר, וִויפִיל אִיךְ בֶּעט זִיךְ אַז דִי קִיאַסְק זָאל זַיין גֶעפִילְטֶערְט - אִיז עֶס נָאכְאַלְץ נִישְׁט מְסוּדָר, אוּן יֶעדְן טָאג בְּלִי גוּזְמָא רוּפְן מֶענְטְשְׁן זָאגְן אַז דִי קִיאַסְק אִיז נִישְׁט גוּט גֶעפִילְטֶערְט.

אוֹיךְ יֶעצְט זוּמֶער קוּמֶען פְרֶעמְדֶע מֶענְטְשְׁן אוּן זֵיי רוּפְן בַּיי מִיר אִין שְׁטוּב זָאגְן אַז דִי פִילְטֶער אִיז נִישְׁט גוּט.

אִיךְ וָואלְט שׁוֹין לַאנְג פַארְמַאכְט אוּן פַארְשְׁלָאסְן דִי פְּלַאץ, אַז עֶס זָאל נִישְׁט אַרוֹיסְקוּמֶען דוּרְךְ אוּנְז אַ מִכְשׁוֹל אוּן חִלּוּל הַשֵּׁם, אָבֶּער וָואס זָאל אִיךְ טוּן אַז אִיךְ ווִיל דִי שְׁטֶעטְל זָאל בְּלַייבְּן רֵיין, אִינְגֶעלַייט אוּן מִשְׁפָּחוֹת זָאלְן הָאבְּן רֵיינֶע שְׁטִיבֶּער, נִישְׁט אַהֵיים בְּרֶענְגֶען דִי סְמַארְטְפָאוֹן.

וּבְכֵן בֶּעט אִיךְ דִיר, אַלְס חַבֵר הַנְהָלָה, הֶעלְף מִיר אַז דִי קִיאַסְק זָאל הָאבְּן אַ בַּעַל הַבַּיִת וָואס שְׁטֵייט אוֹיף דִי קְדוּשָׁה פוּן דִי פְּלַאץ, עֶס זָאל זַיין אוֹיסְגֶעהַאלְטְן אוּן רֵיין.

הוֹיבּ אָן דַיין טָאג מִיט הִתְבּוֹדְדוּת; בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר דַיינֶע קִינְדֶער אוּן דוֹרוֹת, זֵיי זָאלְן זַיין עֶרְלִיךְ, וַוייל נָאר תְּפִלָּה אִיז דִי שְׁלִיסְל פַאר עֶרְלִיכֶע דוֹרוֹת.

...

## אִיךְ גֶעדֶענְק דִי לִיבְּשַׁאפְט וָואס מוֹהֲרָא״שׁ הָאט גֶעהַאט צוּ דִיר

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת עֵקֶב, י״ד מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ זֶע דִיךְ זֵייעֶר וֵויינִיג, אִיךְ הֶער כִּמְעַט נִישְׁט פוּן דִיר, אָבֶּער אִיךְ טְרַאכְט נָאךְ פוּן דִיר, אוּן אִיךְ גֶעדֶענְק דִי לִיבְּשַׁאפְט וָואס מוֹהֲרָא״שׁ הָאט גֶעהַאט צוּ דִיר אוּן דַיין וַוייבּ, וִוי עֶנְק פְלֶעגְן פְרֵיילִיךְ מַאכְן מוֹהֲרָא״שׁ וְכוּ׳ וְכוּ׳.

אִיךְ דַאוֶוען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן דוּ זָאלְסְט מַצְלִיחַ זַיין, סַיי אִין פַּרְנָסָה אוּן אוֹיךְ

אִין פַּרְנָסָה פַאר דִי נְשָׁמָה; זָאלְסְט קוּמֶען אִין שׁוּל דְרֵיי מָאל אַ טָאג דַאוֶוענֶען דִי דְרֵיי תְּפִלּוֹת אוּן לֶערְנֶען חוּמָשׁ אוּן מִשְׁנָיוֹת.

חוֹדֶשׁ תִּשְׁרֵי וֶועל אִיךְ זַיין דִי יָאר אִם יִרְצֶה הַשֵּׁם אִין קִרְיַת בְּרֶסְלֶב.

אִיךְ הָאבּ דִיךְ לִיבּ.

...

## דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וִויל מִיר נָאר אוֹיפְוֶועקְן

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת עֵקֶב, י״ד מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר זָאלְסְט זִיךְ שְׁטַארְקְן מִיט אֱמוּנָה, גְלֵייבּ בֶּאֱמוּנָה שְׁלֵימָה אַז אַלֶעס וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער טוּט - אִיז נָאר פַאר גוּטְס, נִישְׁטָא קֵיין טָעוּתִים, נִישְׁטָא קֵיין פֶּערְצוּפַאל. דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (חולין ז.): ״אֵין אָדָם נוֹקֵף אֶצְבָּעוֹ מִלְּמַטָּה״, מֶען כַאפְּט נִישְׁט קֵיין קְלַאפּ אִין פִינְגֶער, ״אֶלָּא אִם כֵּן מַכְרִיזִין עָלָיו מִלְּמַעְלָה״, נָאר אַז מֶען רוּפְט אוֹיס אִין הִימְל ׳פְּלוֹנִי אַלְמוֹנִי זָאל כַאפְּן אַ קְלַאפּ אִין פִינְגֶער׳, אִין פִּיס; נִישְׁט נָאר עֶס אִיז נִישְׁט קֵיין פֶּערְצוּפַאל, נָאר מֶען רוּפְט גָאר אוֹיס דִי נָאמֶען; וֶוער רוּפְט אוֹיס מַיין נָאמֶען? וואוּ רוּפְט מֶען אוֹיס מַיין נָאמֶען? אִין הִימְל, בְּהַשְׁגָּחָה פְּרָטִית; דַארְף דָאס אוֹיפְהֵייבְּן אוּן נִישְׁט אַרָאפְּוַוארְפְן, דָאס דַארְף שְׁטַארְקְן, אַז ׳דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מַאכְט מִיט מִיר זַאכְן אַז אִיךְ זָאל זִיךְ אוֹיפְוֶועקְן אוּן צוּרִיק קוּמֶען צוּ אִים׳.

גֶעבּ אִיבֶּער אַ גְרוֹיסְן דַאנְק פַאר דַיין וַוייבּ תְּחִיֶ׳ פַארְן זִיךְ מִתְנַדֵּב זַיין צוּ הֶעלְפְן אִין בֵּית פֵּיגָא בַּאקוּקְן דִי הָאר פוּן דִי קִינְדֶער, מַאכְן זִיכֶער אַז עֶס נִישְׁטָא קֵיין לַייז וְכוּ׳, יֶעדֶע זַאךְ וָואס מֶען טוּט פַארְן רֶבִּי׳ן, וּבִפְרַט פַאר דִי מוֹסְדוֹת - אִיז אַן אֵייבִּיגֶע זְכוּת.

אוֹיךְ אַ דַאנְק פַאר וָואס זִי גֶעבְּט אַוֶועק אִירֶע נֶעכְט צוּ הֶעלְפְן אִין דִי מִקְוֶה טָהֳרָה, דָאס אִיז וָואס עֶנְק וֶועלְן מִיט עֶנְק מִיטְנֶעמֶען.

...

## דִי קִינְדֶער קוּמֶען אַהֵיים פוּן חֵדֶר דוּרְכְגֶעוֵייקְט מִיט יִרְאָה וְאַהֲבָה

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת עֵקֶב, י״ד מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן**

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶענוּג וֶוערְטֶער דִיר צוּ דַאנְקֶען פַאְרן זִיךְ אַזוֹי אִיבֶּערְגֶעבְּן פַּאר אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער, אוּן בַּאזוּנְדֶער פַּאר מַיין זוּן ... נֵרוֹ יָאִיר, פַאְרן אַרֵיינְלֵייגְן אַזוֹיפִיל יִרְאַת שָׁמַיִם, אַזוֹיפִיל מִידוֹת טוֹבוֹת, אַזוֹיפִיל קְדוּשָּׁה וֶאֱמוּנָה; דִי קִינְדֶער קוּמֶען אַהֵיים מָלֵא וְגָדוּשׁ, דוּרְכְגֶעוֵייקְט מִיט יִרְאָה וְאַהֲבָה, אַלֶע עֶלְטֶערְן זָאגְן פֶּה אֶחָד אַז דִי קִינְדֶער בַּאקוּמֶען אִין דִי יָאר וָואס זֵיי לֶערְנֶען בַּיי דִיר, אַזוֹיפִיל אַהֲבַת הַשֵּׁם וְיִרְאַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ.

אִיךְ בִּין דִיר דַאנְקְבַּאר אוּן אִיךְ בֶּעט פַּאר דַיין הַצְלָחָה, אוּן בִּזְכוּת וָואס דוּ טוּסְט מִיט אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער - זָאלְסְטוּ זֶען נַחַת דִקְדֻשָּׁה בַּיי דַיינֶע קִינְדֶער.

פִיל מִיט לִיבְּשַׁאפְט.

...

## דֶער ס״ם זוּכְט צוּ מַאכְן פֵּירוּד לְבָבוֹת צְוִוישְׁן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת עֵקֶב, חֲמִשָּׁה עָשָׂר בְּאָב, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן**

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

זַיי מְחַזֵק דַיין וַוייבּ אַז זִי זָאל נִישְׁט וֶוערְן וֵויי גֶעטוּן פוּן דִי שְׁכֵנִים, וֶוען מֶען מוּסָר׳ט אִיר אַז זִי קֶען נִישְׁט מְחַנֵךְ זַיין וְכוּ׳; עֶס אִיז קֵיינֶעמְ׳ס גֶעשֶׁעפְטְן וִוי אַזוֹי עֶנְק זֶענֶען מְחַנֵךְ עֶנְקֶערֶע קִינְדֶער, עֶנְק זָאלְן מְחַנֵךְ זַיין אוֹיף עֶנְקֶער וֶועג אוּן דִי שְׁכֵנִים זָאלְן מְחַנֵךְ זַיין אוֹיף זֵייעֶר וֶועג, אוּן אַז דִי שְׁכֵנִים ווילְן נִישְׁט זֵייעֶרֶע אִינְגְלֶעךְ זָאלְן שְׁפִּילְן מִיט מֵיידְלֶעךְ - הָאט דָאס מִיט זֵיי, זֵיי דַארְפְן אוֹיסְלֶערְנֶען זֵייעֶרֶע קִינְדֶער וִוי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן.

אִיךְ בֶּעט דִיךְ זֵייעֶר, זַיי דַן לְכַף זְכוּת יֶעדְן אֵיינֶעם, דֶער סַמֶ״ךְ מֶ״ם זוּכְט צוּ מַאכְן פֵּירוּד לְבָבוֹת צְוִוישְׁן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, עֶר קֶען נִישְׁט לַיידְן אַז מֶען הָאט זִיךְ לִיבּ, עֶר קוּמְט צוּ יֶעדְן אֵיינֶעם מִיט אַן אַנְדֶערֶע וֶועג וִוי אַזוֹי צוּ מַאכְן מַחֲלֹקֶת מִיט פַּיינְטְשַׁאפְט.

אִיךְ בִּין מְחַזֵּק מַיְינֶע קִינְדֶער זֵיי זָאלְן רֶעדְן מִיט דֶּרֶךְ אֶרֶץ צוּ עֶלְטֶערֶע, אוּן אוֹיבּ אִיךְ הֶער זֵיי רֶעדְן מִיט חוּצְפָּה צוּ עֶלְטֶערֶע - בִּין אִיךְ זֵייעֶר שְׁטְרֶענְג אוּן אִיךְ קַנְס׳ְעֶ זֵיי אוֹיף דֶעם. אִיךְ גֶעדֶענְק מַיין טַאטֶע שְׁלִיטָ״א אִיז גֶעוֶוען צוּ מִיר זֵייעֶר שְׁטְרֶענְג אוֹיבּ עֶר הָאט מִיךְ גֶעהֶערְט רֶעדְן מִיט זִלְזוּל צוּ אֵיינֶעם עֶלְטֶער פוּן מִיר.

...

## אַלֶע צַדִיקִים קוּמֶען צוּ דֶעם מֶענְטְשׁ וָואס אִיז עוֹסֵק אִין הֲפָצָה

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרֵךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת עֵקֶב, חֲמִשָּׁה עָשָׂר בְּאָב, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

דִי גְרֶעסְטֶע מִצְוָה וָואס אִיז דָא - אִיז עוֹסֵק זַיין אִין הֲפָצָה, פַארְפְּלֵייצְן אוּן פַארְשְׁפְּרֵייטְן דִי הֵיילִיגֶע סְפָרִים אוּן קוּנְטְרֵסִים, עֵצוֹת אוּן הִתְחַזְקוּת פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן - פַאר דִי גַאנְצֶע וֶועלְט.

אַלֶע צַדִיקִים קוּמֶען צוּ דֶעם מֶענְטְשׁ וָואס אִיז עוֹסֵק אִין הֲפָצָה. אַזוֹי זָאגְט דֶער רֶבִּי (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת פִּדְיוֹן שְׁבוּיִּם חֵלֶק ב׳, סִימָן י): ״מִי שֶׁעוֹסֵק בְּפִדְיוֹן שְׁבוּיִים״, וֶוער עֶס נֶעמְט אַרוֹיס גֶעפַאנְגֶענֶע פוּן זַיין פַארְשְׁלָאסְן, ״גְּדוֹלֵי הַדּוֹר נִכְלָלִים בּוֹ עַל יְדֵי זֶה״, וֶוערְן אַלֶע צַדִיקִים נִכְלָל אִין דֶעם מֶענְטְשׁ; מוֹהֲרָא״שׁ זָאגְט, דָאס מֵיינְט מֶען דֶער וָואס אִיז מֵפִיץ דֶעם רֶבִּינְ׳ס סְפָרִים, דָאס אִיז דָאךְ פִּדְיוֹן שְׁבוּיִם, אַרוֹיסְנֶעמֶען מֶענְטְשְׁן פוּן דִי קְלִיפּוֹת אוּן טוּמְאָה, צוּ דֶעם מֶענְטְשׁ קוּמֶען אַלֶע צַדִיקִים, אַבְרָהָם אָבִינוּ, יִצְחָק אָבִינוּ, יַעֲקֹב אָבִינוּ, מֹשֶׁה רַבֵּינוּ, אַהֲרֹן הַכֹּהֵן, יוֹסֵף הַצַּדִיק, דָוִד הַמֶּלֶךְ, נִשְׁמַת רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאי, דֶער אַרִיזַ״ל, דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הַקָּדוֹשׁ, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן וְכוּ׳; אַלֶע ווִילְן וֶוערְן אֵיינְס מִיט דֶעם מֵפִיץ.

שְׁטַארְק זִיךְ, הָאבּ נִישְׁט קַיין חֲלִישׁוּת הַדַּעַת, קוּק נִישְׁט אוֹיף קֵיינֶעם, גֵיי וַוייטֶער פוּן שׁוּל צוּ שׁוּל, פוּן שְׁטוּב צוּ שְׁטוּב אוּן פַארְפְּלֵייץ ווִי מֶער דִי קוּנְטְרֵסִים אוּן סִפְרֵי אֲשֶׁר בַּנַּחַל וְכוּ׳.

כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה.

...

**נָאךְ אַבִּיסְל הָאסְטוּ בָּחוּרִים, אוּן זֵיי וֶועלְן נָאכְמַאכְן וָואס זֵיי זֶעעֶן**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרֵךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת עֵקֶב, חֲמִשָּׁה עָשָׂר בְּאָב, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן מַיין טַייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

בִּיסְט אַ חִידוּשׁ אִין דַיין חֶסֶד וָואס דוּ טוּסְט מִיט אַנְדֶערֶע, דוּ טוּסְט אוּן טוּסְט פַאר אִידִישֶׁע קִינְדֶער אַזוֹיפִיל חֲסָדִים, מַמָּשׁ צוּ בַּאוואוּנְדֶערְן.

ווִיל אִיךְ דִיךְ מְחַזֵּק זַיין, זָאלְסְט וַוייטֶער טוּן חֶסֶד אוּן אוֹיךְ זָאלְסְטוּ הֶעלְפְן דַיין וַוייבּ מִיט דַיינֶע קִינְדֶער, וַוייל אַמָאל קֶען פַּאסִירְן בַּיי דִי וָואס טוּעֶן אַסַאךְ חֶסֶד אַז דָאס גֵייט אוֹיפְן חֶשְׁבּוֹן פוּן דִי מִשְׁפָּחָה, מֶען קוּמְט נִישְׁט אַהֵיים, מֶען פַארְגֶעסְט צוּ שְׁמוּעֶסְן מִיט דִי וַוייבּ - פוּן זַיין אַזוֹי אַרַיינְגֶעטוּן צוּ טוּן גוּטְס.

הָאסְט אַ טַייעֶרֶע פְרוֹי מִיט לִיכְטִיגֶע קִינְדֶער, זָאלְסְט מִיט זֵיי אוֹיךְ טוּן חֶסֶד.

אוֹיךְ זָאלְסְטוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן נִישְׁט צוּ הַאלְטְן אִין שְׁטוּבּ אַ סמ׳ טֶעלֶעפָאן, נָאךְ אַבִּיסְל הָאסְטוּ בָּחוּרִים, אוּן זֵיי וֶועלְן נָאכְמַאכְן וָואס זֵיי זֶעעֶן אִין שְׁטוּבּ, דַארְף מֶען בַּאצַייטְנְס זֶען וָואס מֶען קֶען רַאטֶעוֶוען.

אִיךְ הָאבּ דִיךְ לִיבּ, דֶערִיבֶּער שְׁרַייבּ אִיךְ דִיר.

...

**שְׁפַּאצִיר צְווִישְׁן דִי בֵּיימֶער אוּן גְרָאז, אוּן שְׁמוּעֶס מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרֵךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת עֵקֶב, חֲמִשָּׁה עָשָׂר בְּאָב, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד מַיין טַייעֶרֶער לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר**

עֶס אִיז דָא אַ גְרוֹיסֶע יֵצֶר הָרָע צוּ פַארְבְּרֶענֶען דִי נֶעכְט אוּן נָאכְדֶעם אוֹיפְשְׁטֵיין שְׁפֶּעט, בֶּעט אִיךְ דִיר זָאלְסְט אוֹיסְדְרֵייעֶן דַיין סֵדֶר, גֵיי שְׁלָאפְן פְּרִי אוּן שְׁטֵיי אוֹיף פְרִי, עֶס אִיז אַנְדֶערְשׁ וֶוען מֶען גֵייט שְׁלָאפְן פְּרִי אוּן מֶען שְׁטֵייט אוֹיף פַארְטָאגְס.

בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן זָאלְסְט ווִיסְן ווִי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן, גֵיי יֶעדְן טָאג אַ שְׁפַּאצִיר צְווִישְׁן דִי בֵּיימֶער אוּן גְרָאז אוּן שְׁמוּעֶס מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן כַּאֲשֶׁר יְדַבֵּר אִישׁ אֶל רֵעֵהוּ, בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל דִיךְ מְקָרֵב זַיין צוּ אִים, בֶּעט אִים זָאלְסְט זַיין אַ צַדִּיק.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז דֶערְצֵיילְט אַז אַזוֹי הָאט עֶר זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ קוּמֶען צוּ זַיינֶע מַדְרֵיגוֹת, דוּרְךְ תְּפִלָּה וְהִתְבּוֹדְדוּת בִּתְמִימוּת וּפְשִׁיטוּת; נָאר אַזוֹי קוּמְט מֶען אָן צוּ זַיין אַ צַדִּיק.

...

## עֶס לוֹינְט צוּ הֶעלְפְן אִין אוּמַאן

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פָּרָשַׁת עֵקֶב, חֲמִשָּׁה עָשָׂר בְּאָב, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

מֶען הֶערְט שׁוֹין דִי נִיגוּן ׳אוּמַאן אוּמַאן, רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אוּמַאן אוּמַאן, רֹאשׁ הַשָּׁנָה׳, מֶען פָּארְט שׁוֹין צוּם רֶבִּי׳ן זוֹכֶה זַיין צוּ אַלֶע תִּיקוּנִים אוּן צוּ אַ שָׁנָה טוֹבָה וּמְבוֹרֶכֶת.

אִיךְ ווִיל דִיר זֵייעֶר בֶּעטְן אוּן אוֹיךְ אַלֶע וָואס הֶעלְפְן מִיר אִין אוּמַאן, אִיר זָאלְט אוֹיפְנֶעמֶען אַלֶעמֶען בְּסֵבֶר פָּנִים יָפוֹת, מִיט אַ שְׁמֵייכְל, אוּן אַז מֶען רֶעדְט זִיךְ אָפּ אוּן מֶען פַארְשֶׁעמְט וְכוּ׳, זָאל מֶען דָאס נִישְׁט נֶעמֶען צוּם הַארְצְן, נָאר דַן זַיין אַלֶעמֶען לְכַף זְכוּת, מֶען פָּארְט אַ לַאנְגֶע וֶועג, מֶענְטְשְׁן זֶענֶען אִיבֶּערְגֶעשְׁטְרֶענְגְט, מִמֵּילָא פַּאסִירְט אַז מֶען שְׁרֵייט וְכוּ׳.

מוֹהַרְנַ״שׁ זָאגְט, עֶס שְׁטֵייט (שְׁמוּאֵל א כב, ב): ״וַיִּתְקַבְּצוּ אֵלָיו כָּל אִישׁ מָצוֹק״, בַּיי דָוִד הַמֶּלֶךְ הָאבְּן זִיךְ צַאמְגֶעקוּמֶען אַלֶע צֶעבְּרָאכֶענֶע מֶענְטְשְׁן, ״וְכָל אִישׁ אֲשֶׁר לוֹ נֹשֶׁא״, אַלֶע וָואס הָאבְּן חוֹבוֹת, ״וְ׳כָל אִ׳ישׁ מַ׳ר נֶ׳פֶשׁ״, רָאשֵׁי תֵּיבוֹת אוּמַן; וֶוער קוּמְט צוּם רֶבִּי׳ן? דֶער וָואס אִיז גֶעלָאפְן צוּ דָוִד הַמֶּלֶךְ, דִי צֶעבְּרָאכֶענֶע הֶערְצֶער; דַארְף מֶען זַיין גְרֵייט נִישְׁט צוּ נֶעמֶען זַאכְן פֶּערְזֶענְלִיךְ.

בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֶעס זָאל זַיין בְּשָׁלוֹם, יֶעדֶער זָאל קוּמֶען גֶעזוּנְטֶערְהֵייט אוּן צוּרִיק פָּארְן מִיט יְשׁוּעוֹת, אוֹיךְ זָאל זַיין וַואסֶער, לֶעקְטֶער, עֶסְן וְכוּ׳ וְכוּ׳.

עֶס לוֹינְט צוּ הֶעלְפְן אִין אוּמַאן, דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (עֵירוּבִין נד.), אַ תַּלְמִיד פוּן רֶבִּי אֱלִיעֶזֶר הָאט גֶעדַארְפְט בַּאקוּמֶען אַן עוֹנֶשׁ שְׂרֵפָה, ״אָמְרוּ, הַנִּיחוּ לוֹ, אָדָם גָדוֹל שִׁמֵּשׁ״, מֶען הָאט אִים פְּרֵיי גֶעלָאזְט בִּזְכוּת וָואס עֶר הָאט מְשַׁמֵּשׁ גֶעוֶוען אַ צַדִּיק.

...

**אֲפִילוּ רַייכֶע אִידְן, הָאבְּן נִישְׁט קַיין רֶעכְט צוּ מַאכְן טֵייעֶרֶע שִׂמְחוֹת**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת עֵקֶב, ט״ז מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

חַסְדֵי הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ אִיךְ הָאבּ הַיינְט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ זַיין בַּיי אַ בְּרִית פוּן מַיין אֵיינִיקְל, בֶּן בְּנִי הָרַב אֶלְחָנָן חַיִּים שְׁלִיטָ״א, וְיִקָּרֵא שְׁמוֹ בְּיִשְׂרָאֵל יְחֶזְקֵאל, נָאךְ מַיין זֵיידֶע, הַגָּאוֹן רַבִּי יְחֶזְקֵאל רוֹטְה זֵכֶר צַדִּיק לִבְרָכָה, רַב דְּקַארְלְסְבּוּרְג.

מַיין טַאטֶע שְׁלִיטָ״א אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען בַּיים בְּרִית, עֶר אִיז אִין מִירוֹן; אַלֶע יָארְן פָּארְט עֶר קַיין מִירוֹן פוּן נָאךְ ט׳ בְּאָב בִּיז שַׁבָּת סְלִיחוֹת, עֶר זִיצְט בַּיים תַּנָּא רַבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאִי אוּן גְרֵייט זִיךְ פַאר דִי הֵיילִיגֶע טֶעג. מַיין שְׁוֶוער הָרַב רַבִּי מָרְדְּכַי אַהֲרֹן מֵייזְלִישׁ שְׁלִיטָ״א אִיז יָא גֶעוֶוען, אוֹיךְ אִיז עֶר גֶעקוּמֶען נֶעכְטְן נַאכְט צוּם וַואךְ נַאכְט.

נֶעכְטְן אִיז גֶעוֶוען אַ חֲתוּנָה אִין שְׁטֶעטְל עֶס הָאט גֶעהַאט אַלֶע טַעֲמִים, דִי חֲתוּנָה אִיז גֶעוֶוען אִין מֵיידְל סְקוּל, אַלֶע מִשְׁתַּתְּפִים זָאגְן אַז דִי חֲתוּנָה הָאט גֶעהַאט אַלֶע טַעֲמִים, דִי חָתָן כַּלָּה זֶענֶען גֶעוֶוען זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ, אוּן דִי מְחוּתָּנִים זֶענֶען גֶעוֶוען גָאר פְרֵיילִיךְ אַז דִי חֲתוּנָה הָאט זֵיי נִישְׁט גֶעקָאסְט קַיין אֵיין דָאלֶער, זֵיי זֶענֶען גֶעקוּמֶען וִוי מְחוּתָּנִים אוּן אַהֵיים וִוי מְחוּתָּנִים מִיט אֱמֶתְ׳עֶ שִׂמְחָה.

אַז מֶען טְרַאכְט אַרַיין זֶעט מֶען אַז עֶס הָאט נִישְׁט קַיין שׁוּם פְּשַׁט צוּ מַאכְן טֵייעֶרֶע שִׂמְחוֹת, פַאר אַפָּאר שָׁעָה לוּינְט נִישְׁט צוּ שְׁפִּילְן שֵׁיינֶער אִיד אוּן וֶוערְן פַאר דִי גַאנְצֶע לֶעבְּן אַ בַּעַל חוֹב, אַ גַנָּב; עֶס לוּינְט צוּ מַאכְן שֵׁיינֶע אֵיידֶעלֶע שִׂמְחוֹת אוּן לֶעבְּן אַ גֶעזוּנְטֶע לֶעבְּן.

דִי גַאנְצֶע זַאךְ פוּן מַאכְן טֵייעֶרֶע שִׂמְחוֹת קוּמְט פוּן דִי גוֹיִם, פוּן דִי אוּמוֹת הָעוֹלָם, עֶס קוּמְט פוּן דִי טוּמְאָה, אוּן פוּן אַזוֹי לַאנְג זַיין אִין גָלוּת - וֵוייסְט מֶען שׁוֹין נִישְׁט וָואס אִיז שֵׁיין אוּן וָואס אִיז גֶעמֵיין, אַ נֵס אַז מוֹהֲרָא״שׁ הָאט אַזוֹיפִיל גֶעֶרעדְט צוּ אוּנְז וָואס אִיז אַן אֱמֶתְ׳עֶ שִׂמְחָה, וָואס אִיז שֵׁיין, וָואס אִיז רֵיין; אַזוֹי קֶענֶען אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ מַאכְן שֵׁיינֶע אִידִישֶׁע שִׂמְחוֹת.

אֲפִילוּ דִי וֶועם דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעגֶעבְּן שֶׁפַע, פַּרְנָסָה - הָאבְּן אוֹיךְ נִישְׁט קַיין רֶעכְט אוֹיס צוּ גֶעבְּן גֶעלְט בַּיי זֵייעֶרֶע שִׂמְחוֹת, זֵיי זֶענֶען גוֹרֵם אַז דִי אַנְדֶערֶע וָואס הָאבְּן נִישְׁט קַיין גֶעלְט - זָאלְן מוּזְן בָּארְגְן אוּן לֶעבְּן אַ חוֹבוֹת לֶעבְּן, אַ גַנָּב לֶעבְּן, אַ פַארְקְנֶעכְטֶעטֶע לֶעבְּן, זֵיי זֶעעֶן אוֹיס וִוי שֵׁיינֶע אִידְן אָבֶער זֵיי זֶענֶען

די וָואס הַרְגְ׳עֶנְען כְּלַל יִשְׂרָאֵל, אַז מֶען גֵייט צוּ אַ שִׂמְחָה און מֶען זֶעט ווִי דֶער בַּעַל שִׂמְחָה הָאט דָא אוֹיסְגֶעגֶעבְּן גֶעלְט, וָואלְט מֶען גֶעדַארְפְט - אַנְשְׁטָאט שְׁמֵייכְלֶען און זָאגְן ׳אַזַא שֵׁיינֶע שִׂמְחָה׳ - זָאגְן: הֲיִתָּכֵן מֶען טוּט שָׁאדְן מַאכְן פַאר אַנְדֶערֶע.

אִיךְ הָאף בַּיי אוּנְז אִין דִי קְהִילָה וֶועלְן אַלֶע מַאכְן פָּשׁוּט, און הֶעלְפְן אֵיינֶער דֶעם צְוֵוייטְן לֶעבְן אַ לֶעבְן אָן גְּנֵבוֹת און חוֹבוֹת, און דִי וָואס הָאבְן יָא שֶׁפַע, פַּרְנָסָה - וֶועלְן נִישְׁט פּוֹרֵץ גֶּדֶר זַיין, זֵיי וֶועלְן הֶעלְפְן אַנְדֶערֶע מִיט נִישְׁט אוֹיסְגֶעבְּן גֶעלְט פַאר שִׂמְחוֹת, און דִי סִיפּוּק הַחַיִּים וֶועלְן זֵיי שֶׁעפְּן פוּן מִשְׁנִיּוֹת און פוּן פַארְבְּרֶענְגֶען מִיט דִי ווַייבּ און קִינְדֶער.

שְׁכֹּחַ פַארְן הֶעלְפְן קַאמְפֵּיינֶען פַאר אוּנְזֶערֶע מוֹסְדוֹת.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

### זֶע אַז דַיין ווַייבּ זָאל גֵיין צוּם פְּרוֹיעֶן צַאמְקוּם

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרֵךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת עֵקֶב, ט״ז מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

הַיינְט נַאכְט וֶועט זַיין דִי וֶועכְנְטְלִיכֶע צַאמְקוּם פַאר פְּרוֹיעֶן, זֶע אַז דַיין ווַייבּ זָאל גֵיין צוּם פְּרוֹיעֶן צַאמְקוּם.

דוּ טוּ אַלֶעס פוּן דַיין זַייט זִי זָאל קֶענֶען גֵיין, קוּם אַהֵיים צַייטְלִיךְ אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף דִי קִינְדֶער אַז זִי זָאל קֶענֶען אַרוֹיסְגֵיין, און אַז זִי פוּן אִיר זַייט ווִיל נִישְׁט גֵיין, דִי אִיז נִישְׁט פְרֵיילִיךְ, זִי זָאגְט זִי ווֵייסְט שׁוֹין אַלֶעס וָואס מֶען גֵייט רֶעדְן וְכוּ׳ - זָאלְסְטוּ זַיין גֶענוּג קְלוּג אִיר צוּ מְחַזֵּק זַיין זִי זָאל יָא גֵיין, דוּ וֶועסְט זֶען זִי וֶועט אַהֵיים גֵיין פְרֵיילִיךְ, און אוֹיבּ אִיז זִי שֶׁעמֶעדִיג, זִי הָאט נִישְׁט קַיין חַבֶרְ׳טֶעס (בַּיי דִי פְּרוֹיעֶן אִיז דָא דִי זַאךְ אַז מֶען ווִיל נִישְׁט קוּמֶען אִין אַ פְּלַאץ וואוּ מֶען הָאט נִישְׁט אַ נָאנְטֶע חַבֶרְ׳טֶע מִיט וֶועם צוּ רֶעדְן), זָאלְסְטוּ מִיט חָכְמָה אוּנְטֶערְשְׁטֶעלְן אֵיינֶער זָאל רוּפְן דַיין ווַייבּ און אִיר מַאכְן בַּאקְוֶועם, און אַז דַיין ווַייבּ זָאגְט דִיר זִי וֶוערְט נֶערְוֶועז פוּן דִי וָואס טַאנְצְן אַרוּיף אוֹיפְן קָאפּ וֶוען אַ פְרִישֶׁע ווַייבְּל קוּמְט אַרַיין און מֶען הוֹיבְּט אִיר אָן פְרֶעגְן דִי בְּרֶסְלֶבְ׳עֶ וֶוערְטֶער: ״וֶוען בִּיסְטוּ מְקוּרָב גֶעוָוארְן?״ ״ווִי אַזוֹי בִּיסְטוּ מְקוּרָב גֶעוָוארְן?״ ״ווִי לַאנְג בִּיסְטוּ מְקוּרָב?״ ״וֶוען וֶוערְסְטוּ אוֹיס מְקוּרָב?״ און ״וֶוען וֶועסְטוּ וֶוערְן אַן עֶכְטֶע מְקוּרָב?״ זָאלְסְטוּ אִיר מְחַזֵּק זַיין אַז

הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ אִיז נִישְׁט דֶער אוּן נִישְׁט יֶענֶער, עֶס אִיז אַלְץ גֶעוֶוען אוּן עֶס וֶועט אַלְץ זַיין מֶענְטְשְׁן וָואס וֵוייסְן נִישְׁט דִי וֶועג וִוי אַזוֹי צוּ רֶעדְן, דָאס הָאט נִישְׁט נָאר מִיט פְּרוֹיעֶן דָא, אִיבֶּערָאל זֶענֶען דָא מֶענְטְשְׁן וָואס קְרִיכְן אוֹיף דִי נֶערְוֶוען וְכוּ'.

דוּ טוּ אַלֶעס פוּן דַיין זַייט אַז דַיין וַוייבּ זָאל הֶערְן דִי שִׁיעוּרִים וַוייל עֶס אִיז קְלָאר בְּלִי סָפֵק אַז וֶוער עֶס הֶערְט דִי שִׁיעוּרִים - וֶוערְט נִתְהַפֵּךְ לְגַמְרֵי צוּ לֶעבְן מִיט דִי לִימוּדִים פוּן רֶבִּי'ן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

## לָאז מִיךְ נִישְׁט וֶוערְן צֶעקְוֶועטְשְׁט

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת עֵקֶב, ט"ז מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר, טוּ עֶפֶּעס פַאר אוּנְזֶער קְהִילָה, טוּ עֶפֶּעס פַאר אוּנְזֶער מוֹסָד, לָאז מִיךְ נִישְׁט וֶוערְן צֶעקְוֶועטְשְׁט; אַ גַאנְץ יָאר שְׁלֶעפּ אִיךְ גֶעלְט פוּן דֶעם אוּן פוּן יֶענֶעם, אִיךְ בָּארְג אוּן אִיךְ דְרֵיי, כְּדֵי צוּ קֶענֶען בַּאצָאלְן אוּנְזֶערֶע מְלַמְּדִים, צוּ קֶענֶען אָנְגֵיין מִיט דִי קְהִילָה; פַארְוָואס זָאלְסְטוּ נִישְׁט טוּן עֶפֶּעס? מַאכְן אַ טֶעלֶעפָאן קָאל, רוּפְן בַּאקַאנְטֶע, צַאמֶנֶעמֶען צְדָקָה.

מֶעגְסְט אֵיין מָאל אַ יָאר גֵיין נָאךְ גֶעלְט; יֶעצְט בֶּעט מֶען נִישְׁט קַיין צְדָקָה, אֵייגְן גֶעלְט, מַעֲשֵׂר גֶעלְט; יֶעצְט בֶּעט מֶען דוּ זָאלְסְט גֵיין נָאךְ גֶעלְט, זָאלְסְט צַאמְנֶעמֶען צְדָקָה.

הֶעלְף מִיר.

...

## אַ פְרוֹי טָאר נִישְׁט גֵיין שְׁווִימֶען מִיט אַ בֶּעדִינְג סוּט

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת עֵקֶב, ט"ז מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן

**מָרַת ... תִּחְיֶ', קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

אַ פְרוֹי טָאר נִישְׁט גֵיין שְׁווִימֶען מִיט אַ בֶּעדִינְג סוּט, אַ בֶּעדִינְג סוּט אִיז אַ

בֶּגֶד פוּן פְּרִיצוּת, עֶס אִיז אַ בֶּגֶד טָמֵא וָואס טָאר נִישְׁט אַרוֹיפְגֵיין אוֹיף אַ אִידִישֶׁע הֵיילִיגֶע פְרוֹי, אֲפִילוּ מֶען טוּט אָן אוֹיף דֶעם אַ שְׁוִוים קְלֵייד.

עֶס אִיז דָא נִסְיוֹנוֹת, אָבֶער וֶוער עֶס זֶעט אוּן וֵוייסְט וָואס טוּט זִיךְ אָפּ אִין הִימְל מִיט אַ נְשָׁמָה נָאכְן אַוֶועק גֵיין פוּן דִי וֶועלְט, דִי לִיכְטִיגְקֵייט פַאר דִי צִדְקָנִיּוֹת, אוּן פַארְקֶערְט - פַאר דִי וָואס זֶענֶען גֶעגַאנְגֶען בִּפְּרִיצוּת - דִי הָאבְּן נִישְׁט קַיין נִסְיוֹנוֹת.

בֶּעטְס דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיר זָאלְט נָאר לִיבּ הָאבְּן וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט לִיבּ, בַּיי דִי שַׁבָּת לִיכְט זָאלְט אִיר בֶּעטְן דִי תְּפִלָּה:

"הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער גֶעבּ מִיר אַ רֵיינֶע הַארְץ, אַ רֵיינֶע מֹחַ, אִיךְ זָאל לִיבּ הָאבְּן אֵיידְלְקֵייט אוּן רֵיינְקֵייט, אִיךְ זָאל זִיךְ פַארֶעקְלֶען פוּן פְּרִיצוּת, הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, 'לֵב טָהוֹר בְּרָא לִי אֱלֹקִים' גֶעבּ מִיר אַ נַייעֶ רֵיינֶע הַארְץ, 'וְרוּחַ נָכוֹן חַדֵּשׁ בְּקִרְבִּי' אוּן אַ נַייעֶ ווִילְן, אַ נַייעֶ גֵייסְט פוּן הֵיילִיגְקֵייט אוּן רֵיינְקֵייט - טוּ מִיר גֶעבְּן".

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

### אַכְטוּנְג גֶעבְּן וואוּ מֶען נֶעמְט דִי קִינְדֶער

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת עֵקֶב, ט"ז מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן

**מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

יְיַשֵּׁר כֹּחַ פַארְן נִישְׁט נֶעמֶען דִי קִינְדֶער פוּן דַיין כִּתָּה צוּ דִי הַכְנָסַת סֵפֶר תּוֹרָה וְכוּ' וואוּ עֶס אִיז אַ מִישׁ-מַאשׁ.

לֵיידֶער אִיז בַּיי אַסַאךְ קָאנְטְרִיס הֶפְקֵר, נִישְׁטָא קַיין רַב, קַיין דַיָּן - וָואס זָאל שְׁטֵיין אוֹיף צְנִיעוּת, מֶען זִיצְט מֶענֶער מִיט פְרוֹיעֶן בְּתַעֲרוּבוֹת, אוּן מֶען קוּמְט צוּ עֲבֵירוֹת רַחֲמָנָא לִצְלָן, מֶען מַאכְט עֶס אוֹיסְזֶעֶן כְּלוֹמְרְ'שׁ אַז עֶס אִיז אַ סְעוּדַת מִצְוָה, אַ סִיוּם הַכְנָסַת סֵפֶר תּוֹרָה; דַאנְק אִיךְ דִיר אַז דוּ הָאסְט נִישְׁט גֶענוּמֶען אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער, דוּ גֶעבְּסְט אַכְטוּנְג אוֹיף אוּנְזֶערֶע קִינְדֶערְ'ס יִרְאַת שָׁמַיִם.

שְׂכָרְךָ הַרְבֵּה מְאוֹד.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

**דִי "שְׁטֶעטְל בְּלֶעטְל" אִיז דִי אֵיינְצִיגְסְטֶע מַאגַאזִין בַּיי אוּנְז אִין שְׁטוּבּ**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת עֵקֶב, ט"ז מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד ... **נֵרוֹ יָאִיר, גַּבְּאַי קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

אִיךְ וָואלְט דִיר גֶעדַארְפְט יֶעדֶע וָואךְ שְׁרַייבְּן אַ דַאנְק בְּרִיוו, וִוי אִיךְ אוּן מַיין גַאנְצֶע מִשְׁפָּחָה, זֶענֶען זִיךְ מְחַיֶּה מִיט דִי הֶערְלִיכֶע אוֹיסְגַאבֶּע "שְׁטֶעטְל בְּלֶעטְל", מִידֵי שָׁבוּעַ בְּשָׁבוּעַ.

דָאס אִיז דִי אֵיינְצִיגְסְטֶע מַאגֶעזִין וָואס קוּמְט אַרַיין בַּיי אוּנְז אִין שְׁטוּבּ פוּן אוּנְזֶער חֲתוּנָה, מִיר נֶעמֶען נִישְׁט אַרַיין קַיין שׁוּם לֵיין מַאטְרִיַאל, אוֹיךְ מַיינֶע טַייעֶרֶע עֶלְטֶערְן הָאבְּן קֵיינְמָאל נִישְׁט אַרַיינְגֶענוּמֶען אִין שְׁטוּבּ קַיין צֵייטוּנְגֶען אוּן מַאגֶעזִינֶען וְכַדוֹמֶה, נָאר דִי שְׁטֶעטְל בְּלֶעטְל צֵייטוּנְג, דָאס לֵיינֶען מִיר, אוּן מִיר זֶענֶען זִיךְ זֵייעֶר מְחַיֶּה מִיט דֶעם.

גֵיי אָן מִיט דַיין עֲבוֹדַת הַקוֹדֶשׁ, שְׁטֶעל זִיךְ נִישְׁט אָפּ פַאר גָארְנִישְׁט, אוּן אַז דוּ הָאסְט חֲלִישׁוּת הַדַעַת וְכוּ' - זָאלְסְטוּ זִיךְ בְּשׁוּם אֵין אוֹפָן נִישְׁט אָפְּשְׁטֶעלְן; וֶוער עֶס טוּט אִין הַדְפָּסָה וְהַפָּצָה - הָאט חֲלִישַׁת הַדַעַת, אִיךְ הָאבּ אוֹיךְ חֲלִישׁוּת הַדַעַת, דָאס טָאר אָבֶּער נִישְׁט אָפְּשְׁטֶעלְן פוּן טוּן וָואס מֶען טוּט.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

**הֶעלְפְן דִי גֶעשְׁוִויסְטֶער מִיט זֵייעֶרֶע קְלֵיינֶע קִינְדֶער**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת עֵקֶב, ט"ז מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן ... תְּחִיֶּ'

אִיךְ וִויל אַייךְ בֶּעטְן אִיר זָאלְט גֵיין הֶעלְפְן אַייעֶר שְׁוֶועגֶערִין ... תְּחִיֶּ' אִין דִי

טֶעג וָואס דִי מֶענֶער פָּארְן קַיין אוּמַאן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה; דִי גְרֶעסְטֶע זְכוּת פַּאר אַייךְ פַּארְן יוֹם הַדִין - אַז אִיר וֶועט טוּן חֶסֶד מִיט אִידִישֶׁע מַאמֶעס וָואס קֶענֶען זִיךְ נִישְׁט בַּאפְּאַרֶען מִיט דִי קְלֵיינֶע קִינְדֶער.

דֶער גְרוֹיסֶער צַדִיק רֶבִּי מֹשֶׁה לֵייבּ סַאסוּבֶער זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אִיז גֶעוֶוען אוֹיפְן וֶועג צוּ שׁוּל צוּ כָּל נִדְרֵי, הָאט עֶר גֶעהֶערְט אַ גֶעוֵויין, עֶר אִיז נָאכְגֶעגַאנְגֶען דָאס גֶעוֵויין אוּן גֶעזֶען אַן אָרֶעמֶע פְּרוֹי אַן אַלְמָנָה, מִיט קְלֵיינֶע קִינְדֶער - הָאבְּן נִישְׁט קַיין הֵייצוּנְג, אִיז עֶר גֶעגַאנְגֶען זָארְגְן פַאר זֵיי, אוּן שְׁפֶּעטֶער הָאט עֶר גֶעזָאגְט פַּאר דִי מִתְפַּלְלִים אַז דָאס אִיז אִין הִימְל חָשׁוּבֶ׳עֶר פוּן דִי גְרֶעסְטֶע מַדְרֵיגוֹת, מְחַיֶ׳ זַיין אַ אִיד אִיז אִין הִימְל דִי חָשׁוּבְ׳סְטֶע זַאךְ.

נָאךְ אַבִּיסְל וֶועט אִיר אַ כַּלָּה וֶוערְן, חֲתוּנָה הָאבְּן אוּן זַיין אַ מַאמֶע, דֶעמָאלְט וֶועט אִיר פַארְשְׁטֵיין דָאס חֲשִׁיבוּת פוּן הֶעלְפְן יוּנְגֶע וַוייבְּלֶעךְ, אִידִישֶׁע מַאמֶעס - מִיט דִי קִינְדֶער.

אַז אִיר הָאט צַייט אָדֶער צוּ זָאגְן תְּהִלִים אָדֶער צוּ הֶעלְפְן אַייעֶרֶע גֶעשְׁוִוּיסְטֶער - זָאלְט אִיר גֵיין הֶעלְפְן אַייעֶרֶע גֶעשְׁוִוּיסְטֶער מִיט דִי קְלֵיינֶע קִינְדֶער, אוּן אַז אִיר הָאט צַייט אָדֶער צוּ זָאגְן תְּהִלִים אָדֶער צוּ שְׁמוּעֶסְן מִיט פְרֶענְדְס - דֶעמָאלְט זָאלְט אִיר נֶעמֶען דֶעם תְּהִלִים אוּן בֶּעטְן פַאר זִיךְ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

## שֶׁלֹּא עָשַׂנִי אִשָּׁה, שְׁכֹּחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיךְ לֶערְן תּוֹרָה

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת עֵקֶב, ט״ז מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר, מְנַהֵל תַּלְמוּד תּוֹרָה הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

דוּ פְרֶעגְסְט וָואס זָאל מֶען זִינְגֶען מִיט דִי קְלֵיינֶע קִינְדֶער נָאךְ דִי בְּרָכָה פוּן ׳שֶׁלֹּא עָשַׂנִי אִשָּׁה׳? וַוייל בַּיי ׳שֶׁלֹּא עָשַׂנִי גוֹי׳ זִינְגְט מֶען נָאךְ דִי בְּרָכָה: ״שְׁכֹּחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיךְ בִּין נִישְׁט קַיין גוֹי״, אִיז וָואס זָאל מֶען זִינְגֶען בַּיים טַייטְשְׁן ׳שֶׁלֹּא עָשַׂנִי אִשָּׁה׳? זִינְג: ״שְׁכֹּחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיךְ לֶערְן תּוֹרָה״, וַוייל דָאס אִיז דִי פְּשַׁט פוּן דִי בְּרָכָה, אַז מִיר דַארְפְן לֶערְנֶען תּוֹרָה.

גֶעדֶענְק וָואס דִי פְלִיכְט פוּן אַ מְנַהֵל אִיז, הָאבְּן שַׁייְכוּת מִיט יֶעדְן מְלַמֵד, גֶעבְּן

גוּטֶע וֶוערְטֶער אוּן זִיךְ אִינְטֶערֶעסִירְן וָואס מֶען לֶערְנְט אוּן אוֹיף דִי יִרְאַת שָׁמַיִם.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

## אוּנְזֶער מוֹסָד אִיז אַלֶע צְדָקוֹת

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרֵךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת עֵקֶב, י״ז מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

טוּ מִיר דִי טוֹבָה, שְׁלִיס זִיךְ אָן אִין אוּנְזֶער קַאמְפֵּיין, מַאךְ נִישְׁט קֵיין פוּילֶע מַעֲשִׂיּוֹת, גֵיי אַרוֹיס פוּן דַיין בַּאקְוֶועמֶע בַּאהֶעלְטֶענִישׁ אוּן שְׁטְרֶעק אוֹיס דַיין הַאנְט צוּ בֶּעטְן צְדָקָה פַאר דִי מוֹסָד, דִי קְהִילָה - וָואס אִיז דָא פַאר דִיר אוּן פַאר דַיינֶע קִינְדֶער.

דִי צְוֵויי טֶעג אִין יָאר זַיי עוֹסֵק אִין צְדָקָה; אוּנְזֶער מוֹסָד אִיז אַלֶע צְדָקוֹת.

...

## אַרַיינְקוּקְן אִין דִי חֶשְׁבּוֹנוֹת, אַוֶועקְשְׁטֶעלְן דִי מוֹסָד אוֹיפְ׳ן רִיכְטִיגְן וֶועג

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרֵךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת עֵקֶב, י״ז מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן

**מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

רְפָאֵל רוּפְט מִיךְ פוּן אָפִיס אַז עֶר הָאט נִישְׁט קֵיין פְּרוּטָה צוּ בַּאצָאלְן דִי אַיינְגֶעשְׁטֶעלְטֶע, אוּן וֶוען אִיךְ הֶער אַז דִי קַאסֶע אִיז לֵיידִיג, עֶס אִיז נִישְׁטָא קֵיין גֶעלְט צוּ בַּאצָאלְן דִי אַיינְגֶעשְׁטֶעלְטֶע - וֶוער אִיךְ זֵייעֶר צֶעבְּרָאכְן, אִיךְ שְׁפִּיר וִוי אַ בַּארְג פַאלְט אַרוֹיף אוֹיף מִיר.

וָואס טוּט מֶען דָא וַוייטֶער? וִוי גֵייט מֶען וַוייטֶער מִיט דִי מוֹסָד? אָנְהוֹיבּ יָאר הָאסְטוּ מִיר גֶעזָאגְט אַז עֶס אִיז דָא אַ לָאךְ פוּן דְרֵיי הוּנְדֶערְט טוֹיזְנְט דָאלֶער, הָאבּ אִיךְ דֶעמָאלְט אַרָאפְּגֶענוּמֶען פוּן דִי מוֹסָד צוּ דֶעקְן דִי אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל׳דִיגֶע מוֹסָד, דָאס אַלֵיין אִיז אַ חֶשְׁבּוֹן פוּן דְרֵיי הוּנְדֶערְט טוֹיזְנְט דָאלֶער, נָאכְדֶעם הָאבּ אִיךְ אַרָאפְּגֶענוּמֶען דָאס בַּאצָאלְן ..., אוֹיךְ הָאבּ אִיךְ אַוֶועק גֶעגֶעבְּן דִי גֶעלְט פוּן דִי ...

פְּרָאגְרֶעם וָואס פְּלֶעגְט גֵיין אִין אַ פְּרִיוַואטֶע קַאסֶע צוּ קוֹיפְן שְׁטָחִים, יֶעצְט גֵייט די גֶעלְט צוּ דִי מוֹסָד, אוֹיךְ דִי הַכְנָסָה פוּן קָאנְטְרִי אִילָן הַחַיִּים גֵייט פַּאר דִי מוֹסָד, אוּן נָאכְכַּאלְץ אִיז דָא אַזַא לָאךְ...

אִיךְ וִויל זָאלְסְט אַרַיינְקוּקְן אִין דִי חֶשְׁבּוֹנוֹת, זֶען וָואס גֵייט פָּאר, אוּן וָואס מֶען טוּט דָא וַוייטֶער.

הֶעלְף מִיר אַוֶועק שְׁטֶעלְן דִי חֵדֶר אוּן בֵּית פֵּיגָא אוֹיף דִי רִיכְטִיגֶע וֶועג, מֶען זָאל קֶענֶען בַּאצָאלְן יֶעדֶע צְוֵויי וָואכְן דִי גֶעהַאלְט פַּאר אַלֶע אַיינְגֶעשְׁטֶעלְטֶע.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

## נִישְׁטָא גְרֶעסֶערְס אִין הִימְל פוּן אַ מֵפִיץ

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת עֵקֶב, י״ז מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן **לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אַשְׁרֶיךָ וְאַשְׁרֵי חֶלְקֶיךָ!

זֶע אַרוֹיפְצוּלֵייגְן וַוייטֶער דִי שִׁיעוּרִים אוֹיף ׳קוֹל הַלָּשׁוֹן׳; בְּעָבָר הָאסְטוּ שׁוֹין מְזַכֶּה גֶעוֶוען טוֹיזְנְטֶער אִידִישֶׁע קִינְדֶער מִיט חִיזוּק, אָן אַ שִׁיעוּר מֶענְטְשְׁן דֶערְצֵיילְן אַז זֵיי זֶענֶען מְקוּרָב גֶעוָוארְן אוּן מְחוּזָק גֶעוָוארְן דוּרְךְ דִי שִׁיעוּרִים פוּן קוֹל הַלָּשׁוֹן, זָאלְסְטוּ וַוייטֶער טוּן דִי גְרוֹיסֶע זִכּוּי הָרַבִּים, וַוייל אַזוֹיפִיל מֶענְטְשְׁן שְׁטֵייעֶן אוּן וַוארְטְן אוֹיף דִי חִיזוּק.

וָואס אִיז דָא גְרֶעסֶערְ׳ס פוּן הֲפָצָה? בִּפְרַט הַיינְט אִיז דָאס נִישְׁט אַזוֹי שְׁוֶוער, וַוייל אַמָאלִיגֶע צַייטְן וֶוער עֶס הָאט גֶעוָואלְט זַיין אַ מְזַכֶּה אֶת הָרַבִּים הָאט גֶעדַארְפְט אַרוּם גֵיין ווִינְטֶער אִין קֶעלְט, זוּמֶער אִין דִי הִיצְן וְכוּ׳ וְכוּ׳, הַיינְטִיגֶע טֶעג קֶענְסְטוּ זִיצְן אִין אָפִיס אוּן אַרוֹיפְלֵייגְן שִׁיעוּרִים, אוּן צֶענְדְלִיגֶער טוֹיזְנְטֶער מֶענְטְשְׁן זֶענֶען זִיךְ מְחַיֶּ׳ דֶערְמִיט טָאג טֶעגְלִיךְ.

וָואס הֲפָצָה אִיז וֵוייסְטוּ אַוַדַאי, נִישְׁטָא גְרֶעסֶערְס אִין הִימְל פוּן אַ מֵפִיץ. מוֹהֲרָא״שׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט דֶערְצֵיילְט, וֶוען דֶער הֵיילִיגֶער צַדִּיק רֶבִּי יִצְחָק מִדְּרוּבִּיטְשׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אִיז נִפְטָר גֶעוָוארְן, אִיז אִים רַשִׁ״י הַקָּדוֹשׁ אַנְטְקֶעגְן

גֶעקוּמֶען אוֹיבְן אִין הִימְל אוּן אִים גֶעפְרֶעגְט: "וָואס פַאר אַ גוּטֶע מַעֲשִׂים טוּט אַייעֶר זוּן רֶבִּי מִיכָל זְלָאטְשְׁוּבֶער, אַז אוֹיבְן אִין הִימְל מַאכְט מֶען אַזַא רַעַשׁ פוּן אִים?" הָאט דֶער טַאטֶע רֶבִּי יִצְחָק מִדְּרוֹבִּיטְשׁ גֶעעֶנְטְפֶערְט: "עֶר לֵייגְט אַרַיין כֹּחוֹת אִינֶעם דַאוֶוענֶען וְכוּ'", הָאט אִים רַשִׁ"י הַקָּדוֹשׁ גֶעזָאגְט: "פַאר דֶעם אַלֵיינְס וָואלְט מֶען נִישְׁט גֶעמַאכְט אַזַא רַעַשׁ דָא אִין הִימְל פוּן אִים; אַסַאךְ צַדִּיקִים לֵייגְן אַרַיין כֹּחוֹת אִינֶעם דַאוֶוענֶען אוּן מֶען מַאכְט נִישְׁט אַזַא גְרוֹיסֶע עֵסֶק פוּן זֵיי", הָאט דֶער טַאטֶע רֶבִּי יִצְחָק גֶעזָאגְט: "עֶר לֶערְנְט זֵייעֶר פְלַייסִיג", הָאט אִים רַשִׁ"י הַקָּדוֹשׁ גֶעעֶנְטְפֶערְט: "דָאס קֶען אוֹיךְ נִישְׁט זַיין דִי סִיבָּה, וַוייל אַסַאךְ צַדִּיקִים לֶערְנֶען פְלַייסִיג דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, אוּן פַאר דֶעם אַלֵיינְס רַעַשְׁ'ט זִיךְ נָאכְנִישְׁט", הָאט עֶר גֶעזָאגְט: "צוּלִיבּ זַיין חֶסֶד אוּן צְדָקָה וְכוּ'", הָאט רַשִׁ"י נָאכְאַלְץ נִישְׁט מַסְכִּים גֶעוֶוען, בִּיז רֶבִּי יִצְחָק מִדְּרוֹבִּיטְשׁ הָאט אִים גֶעזָאגְט: "אֶפְשָׁר וַוייל עֶר בְּרֶענְגְט צוּרִיק מֶענְטְשְׁן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן? עֶר אִיז עוֹסֵק אִין דֶעם זֵייעֶר שְׁטַארְק", הָאט רַשִׁ"י הַקָּדוֹשׁ גֶעזָאגְט: "הַיְינוּ דְאַהֲנֵי לֵיהּ, יֶעצְט פַארְשְׁטֵיי אִיךְ שׁוֹין פַארְוָואס עֶס רַעַשְׁ'ט זִיךְ פוּן אִים".

עֶס אִיז דָא נֵייעֶ שִׁיעוּרִים אוֹיף סֵפֶר הַקָּדוֹשׁ לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן פָארְגֶעלֶערְנְט אִין אִידִישׁ אוֹיף אַ וֶועג פוּן לְעוּבְדָא וּלְמַעֲשֶׂה, לֵייג עֶס אוֹיךְ אַרוֹיף אוֹיף קוֹל הַלָּשׁוֹן אַז מֶענְטְשְׁן זָאלְן זִיךְ קֶענֶען דֶערְקְוִויקְן מִיט דֶעם.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

## דִי קַארְס זָאלְן נִישְׁט פָארְן דָארְט וואוּ דִי קִינְדֶער שְׁפִּילְן

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת עֵקֶב, י"ז מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן

**מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

אַ גְרוֹיסְן דַאנְק פַאר אַלֶעס וָואס דוּ טוּסְט פַאר דִי קְהִילָה אוּן פַאר דִי מוֹסָדוֹת; פוּן אַלֶעס וָואס דוּ פַארְמָאגְסְט, פוּן אַלֶע דַיינֶע נְכָסִים - וֶועסְטוּ אֵיין זַאךְ מִיט נֶעמֶען, דָאס וָואס דוּ בּוֹיסְט תַּלְמוּד תּוֹרָה'ס, מֵיידְל סְקוּלְס, בָּתֵּי מֶדְרָשִׁים, קֶעמְפְּס, מִקְוָאוֹת, כּוֹלְלִים וְכַדּוֹמֶה; נָאר דָאס וֶועט דִיר בַּאגְלֵייטְן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

שׁוֹין אִיבֶּער פוּפְצְן יָאר אַרִיבֶּער פוּן וֶוען דוּ הָאסְט גֶעבּוֹיט דִי יְשִׁיבָה בִּנְיָן אִין

ווילְיַאמְסְבּוּרְג אוֹיף סְקִילְמַאן סְטְרִיט, מַאךְ זִיךְ אַ חֶשְׁבּוֹן וויפִיל תּוֹרָה, קְדוּשָׁה און אֱמוּנָה אִיז אַרוֹיסְגֶעקוּמֶען פון דֶעם מָקוֹם, דָאס אַלֶעס גֵייט אוֹיף דַיין חֶשְׁבּוֹן, און דָאס אִיז דִי נְכָסִים וָואס דוּ וֶועסְט מִיטְנֶעמֶען מִיט דִיר.

אִיךְ וויל דִיר מְעוֹרֵר זַיין, דוּ הָאסְט גֶעבּוֹיט אִין שְׁטֶעטְל דִי גַאס יְרוּשָׁלַיִם, עֶס אִיז דָא דָארְט אַ פְּרָאבְּלֶעם, דִי קַארְס פָּארְן אַרַיין אִינֶעם גַאס און אוֹיךְ דִי קִינְדֶער שְׁפִּילְן אִין גַאס, עֶס אִיז אַ גְרוֹיסֶע סַכָּנָה; מֶען רֶעדְט דָא פוּן קְלֵיינֶע קִינְדֶער וָואס עֶס קֶען חַס וְחָלִילָה פַּאסִירְן אַן אוּמְגְלִיק.

עֶס אִיז דָא אַ מִצְוָה אִין דִי תּוֹרָה (דְּבָרִים כב, ח): "וְעָשִׂיתָ מַעֲקֶה לְגַגֶּךָ וְלֹא תָשִׂים דָּמִים בְּבֵיתֶךָ", מֶען דַארְף מַאכְן אַ צוֹים אוֹיפְן דַאךְ עֶס זָאל נִישְׁט פַּאסִירְן קַיין אוּמְגְלִיק; דַארְף מֶען עֶפֶּעס מַאכְן אַז דִי קַארְס זָאלְן נִישְׁט פָּארְן דָארְט וואוּ דִי קִינְדֶער שְׁפִּילְן, מֶען אִיז מְחוּיָב צוּ מַאכְן אַ מַעֲקֶה, עֶס זָאל נִישְׁט זַיין קַיין סַכָּנָה.

דִי יָאר וֶועל אִיךְ זַיין אִם יִרְצֶה הַשֵּׁם אִין שְׁטֶעטְל אוֹיף חוֹדֶשׁ תִּשְׁרֵי. רֹאשׁ הַשָּׁנָה זֶענֶען מִיר בַּיים רֶבִּי'ן אִין אוּמַאן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס הִילְף, יוֹם הַקָּדוֹשׁ, סוּכּוֹת, הוֹשַׁעְנָא רַבָּה און שִׂמְחַת תּוֹרָה - וֶועל אִיךְ זַיין אִין שְׁטֶעטְל.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

**עֶס אִיז דָא אַסַאךְ זַאכְן מִיט וָואס דוּ קֶענְסְט מְשַׁמֵּשׁ זַיין דֶעם רֶבִּי'ן**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת עֵקֶב, י"ז מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד ... **נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

אִיךְ וויל דִיר בֶּעטְן זָאלְסְט שוֹין אָנְהוֹיבְּן מִיט דִי מַצָּה בֶּעקֶערַיי, לֵייג אַרוֹיס אַ מוֹדָעָה וֶוער עֶס וויל קוּמֶען אַרְבֶּעטְן.

אַז דוּ ווילְסְט טוּן נָאךְ פַאר'ן רֶבִּי'ן - זָאלְסְטוּ אִיבֶּערְנֶעמֶען פוּן דִי אִינְגֶעלַייט אִין אוּמַאן אַ חֵלֶק פוּן זֵייעֶר אַרְבֶּעט. דִי צְוֵויי אִינְגֶעלַייט הָאבְּן אָנְגֶעהוֹיבְּן הֶעלְפְן אוּנְזֶער חֲבוּרָה, חֲבוּרַת הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ - וֶוען עֶס אִיז גֶעוֶוען אוּנְטֶער הוּנְדֶערְט מֶענְטְשְׁן, דִי יָאר וֶועלְן זַיין אִיבֶּער זֶעקְס הוּנְדֶערְט מֶענְטְשְׁן, דַארְף מֶען אַרַיינְנֶעמֶען נָאךְ אִינְגֶעלַייט אִינֶעם בִּילְד; וָואס ווילְן נֶעמֶען אוֹיף זִיךְ דִי אַחֲרָיוּת פוּן מְשַׁמֵּשׁ זַיין בַּיים רֶבִּי'ן.

אוֹיךְ קֶענְסְטוּ פְרֶעגְן אִין דִי מוֹסָד וָואס דוּ קֶענְסְט הֶעלְפְן, עֶס אִיז דָא אַסַאךְ אַרְבֶּעט, אִיךְ ווִיל נִישְׁט אוֹיפְנֶעמֶען בַּאצָאלְטֶע אַרְבֶּעטֶער, אִיךְ קֶען נִישְׁט מַאכְן נָאךְ חוֹבוֹת, קֶענְסְט הֶעלְפְן מִיט דְרֵייוְון דִי קִינְדֶער צוּם חֵדֶר.

אוֹיךְ זָאלְסְטוּ רֶעדְן צוּ מָרְדְכַי אַהֲרֹן נֵרוֹ יָאִיר, פְרֶעג אִים וָואס דוּ קֶענְסְט הֶעלְפְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

## פַּרְנָסָה אִיז נִישְׁט דִי דַאֲגָה פוּן אַ אִידִישֶׁע מַאמֶע

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרֵךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת עֵקֶב, י״ז מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן מָרַת ... תִּחְיֶ׳**

אִיר זָאלְט זַיין אַ מַאמֶע, דִי פַּרְנָסָה אִיז נִישְׁט אֵייעֶר דַאֲגָה, אִיר זָאלְט זַיין מִיט דִי קִינְדֶער, פָּארֶעט זִיךְ מִיט דִי שְׁטוּב, אוּן אַז אִיר ווִילְט הֶעלְפְן אַייעֶר מַאן מִיט פַּרְנָסָה - זָאלְט אִיר טוּן צְוֵויי זַאכְן, אֵיינְס, בֶּעטְס דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר פַּרְנָסָה, ווַייל תְּפִלּוֹת פוּן אַ אִידִישֶׁע פְרוֹי, אַ אִידִישֶׁע מַאמֶע - אִיז בּוֹקֵעַ רְקִיעִים, עֶס שְׁפַּאלְט הִימְלֶען, צְווֵייטְנְס, שְׁטֶענְדִיג שְׁמֵייכְלֶען צוּ אִים, (נִישְׁט אַ פַאלְשֶׁע שְׁמֵייכְל, אַן אֱמֶתְ׳עֶ שְׁמֵייכְל).

אַ פְרוֹי וָואס הָאט נִישְׁט קַיין קְלֵיינֶע קִינְדֶער - אִיז גוּט זִי זָאל אַרְבֶּעטְן, אַזוֹי אוֹיךְ אַ פְרוֹי וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אִיר גֶעגֶעבְן אַ מַתָּנָה צוּ קֶענֶען עוֹסֵק זַיין מִיט מְחַנֵּךְ זַיין קִינְדֶער, אַזוֹי אוֹיךְ זֶענֶען דָא פְרוֹיעֶן וָואס דָאס אִיז זֵייעֶר נַאטוּר, זֵיי ווִילְן אַרְבֶּעטְן ; דָאס אִיז עֶפֶּעס אַנְדֶערְשׁ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

**בֶּעט דַיין מַאמֶע מִיט רַחְמָנוּת, נִישְׁט מִיט חוּצְפָּה חַס וְשָׁלוֹם**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת עֵקֶב, י"ז מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיינֶע בְּרִיוו.

רֶעד נִישְׁט מִיט חוּצְפָּה חַס וְשָׁלוֹם, רֶעד מִיט תַּחֲנוּנִים, רֶעד מִיט אַ לֵב נִשְׁבָּר; זָאג: "טֵייעֶרֶע מַאמֶע עֶס אִיז מִיר שְׁוֶוער צוּ זַיין אַלֵיין, אִיךְ וִויל חֲתוּנָה הָאבְּן, אוּן אַז מֶען טְרָאגְט מִיר אָן אַ גוּטֶע שִׁידוּךְ, בֶּעט אִיךְ דִיר טֵייעֶרֶע מַאמֶע, זָאג עֶס נִישְׁט אָפּ".

אַז דוּ וֶועסְט רֶעדְן מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ - וֶועסְטוּ זִיכֶער פּוֹעֵל׳ן. שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ זָאגְט (מִשְׁלֵי טו, א): "מַעֲנֶה רַךְ, יָשִׁיב חֵמָה", וֵוייכֶע רֵייד נֶעמְט אַוֶועק אוֹיפְגֶערֶעגְטְקֵייט; זִיכֶער צוּ עֶלְטֶערְן, צוּ אַ מַאמֶע - דַארְף מֶען זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוּן זִיךְ פִירְן מִיט דִי גְרֶעסְטֶע מָאס דֶרֶךְ אֶרֶץ, אַכְטוּנְג גֶעבְּן ווִי אַזוֹי מֶען רֶעדְט אוּן וָואס מֶען זָאגְט, חַס וְחָלִילָה זָאגְן אַ וָוארְט שֶׁלֹּא בְּכָבוֹד. אַז מֶען רֶעדְט צוּ עֶלְטֶערְן נִישְׁט מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ - טְרַייבְּט מֶען אַוֶועק דִי שְׁכִינָה הַקְּדוֹשָׁה, אַז מֶען רֶעדְט צוּ עֶלְטֶערְן מִיט זִלְזוּל - אִיז נִישְׁט וֶוערְד גָארְנִישְׁט.

קוּם יֶעדְן טָאג אִין יְשִׁיבָה, זַיי מַמְשִׁיךְ מִיט חַ"י פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת, גְּמָרָא, הֲלָכָה, תְּהִלִּים אוּן דֶעם רֶבִּינְ׳ס סְפָרִים. פַּארְפַּאס נִישְׁט קַיין אֵיין טָאג יְשִׁיבָה, עֶס אִיז דָא גְרוֹיסֶע מְנִיעוֹת צוּ פַארְפֶעלְן אַ טָאג בַּיי אוּנְז אִין יְשִׁיבָה, וַוייל יֶעדְן טָאג אִין יְשִׁיבָה קֶען מֶען קוֹנֶה זַיין וָואס מֶען וֶועט נִישְׁט הָאבְּן אַ גַאנְץ לֶעבְּן, אוּן וֶוען דוּ רֶעדְסְט מִיט דַיין מַאמֶע זָאלְסְטוּ אִיר בֶּעטְן בְּתַחֲנוּנִים, מִיט אַ שְׁטִילֶע קוֹל אוּן מִיט טְרֶערְן: "מַאמֶע מַיינֶע, אִיךְ הָאבּ דִיךְ לִיבּ, אִיךְ וִויל נִישְׁט אַוֶועק גֵיין פוּן עֶנְקֶער שְׁטוּבּ, אִיךְ קֶען נִישְׁט מֶער, אִיךְ וִויל חֲתוּנָה הָאבְּן, אִיךְ בֶּעט דִיר טֵייעֶרֶע מַאמֶע, זָאג נִישְׁט אָפּ דִי שִׁידוּכִים וָואס מֶען רֶעדְט".

אִיךְ זָאג דִיר צוּ, אוֹיבּ דוּ וֶועסְט רֶעדְן מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ - וֶועט זִי מֶער נִישְׁט זָאגְן אַז דוּ בִּיסְט צוּ יוּנְג, נָאר וִויבַּאלְד דוּ שְׁרֵייסְט אוּן דוּ פַארְפִירְסְט - דָאס מַאכְט זִי זָאל זִיךְ עַקְשְׁנְ׳עֶן אוּן זָאגְן אַז דוּ קֶענְסְט נָאכְנִישְׁט חֲתוּנָה הָאבְּן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

### יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר׳ן הֶעלְפְן שַׁאפְן גֶעלְט פַאר אוּנְזֶער מוֹסָד

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פָּרָשַׁת עֵקֶב, י״ח מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר׳ן זִיךְ אָנְשְׁלִיסְן אִין דִי קָאמְפֵּיין, יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר׳ן הֶעלְפְן שַׁאפְן גֶעלְט, יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר׳ן טוּן פַאר אוּנְזֶער מוֹסָד.

עֶנְדִיג דַיין צִיל וְוִיפִיל דוּ הָאסְט זִיךְ אוּנְטֶערְגֶענוּמֶען, הֶעלְף מִיר קֶענֶען אָנְגֵיין מִיט דִי מוֹסְדוֹת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

### דִי זוּמֶער אִיז אַרִיבֶּער, וָואס אִיז דֶער פְּלַאן אוֹיף וַוייטֶער?

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פָּרָשַׁת רְאֵה, כ״א מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

דִי זוּמֶער אִיז אַרִיבֶּער, מֶען פַּאקְט שׁוֹין דִי פֶּעקְלֶעךְ אַהֵיים צוּ פַארְן, ׳עָבַר קָצִיר כָּלָה קַיִץ׳, דֶעם קוּמֶענְדִיגְן שַׁבָּת אִיז שׁוֹין ׳שַׁבָּת מְבָרְכִים אֱלוּל׳; עֶס כַאפְּט שׁוֹין אַ צִיטֶער, מֶען גְרֵייט זִיךְ צוּם יוֹם הַדִין, מֶען דַארְף זִיךְ מַאכְן אַ חֶשְׁבּוֹן, וְוִי הַאלְט מֶען? וָואס טוּט מֶען? וָואס אִיז דֶער פְּלַאן אוֹיף וַוייטֶער?

גֵיי אַ שְׁפַּאצִיר אַלֵיין מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, שְׁמוּעֶס זִיךְ אוֹיס דַיין הַארְץ, קְרֶעכְץ זִיךְ אוֹיס, דֶערְצֵייל דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וְוִי שְׁטַארְק דוּ ווִילְסְט זַיין גוּט אוּן וְוִי דוּ בִּיסְט פַארְכַאפְּט אִינֶעם נֶעץ בַּיים יֵצֶר הָרָע, בֶּעט אִים עֶר זָאל דִיךְ מְקַרֵב זַיין צוּ אִים.

רֶעד נִישְׁט מִיט מֶענְטְשְׁן וָואס רֶעדְן קֶעגְן דִי אֱמוּנָה, אוֹיךְ אִין בִּיזְנֶעס זָאלְסְטוּ נִישְׁט רֶעדְן מִיט דִי וָואס פְרֶעגְן קַשְׁיוֹת וְכוּ׳ אוּן מַאכְן לֵיצָנוּת אוֹיף דִי הֵיילִיגֶע אֱמוּנָה. דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת לֵיצָנוּת, סִימָן ד): ״עַל יְדֵי לֵיצָנוּת בָּאִים יִסּוּרִים״, דוּרְךְ לֵיצָנוּת קוּמְט יִסוּרִים אוֹיפְן מֶענְטְשׁ, אוֹיךְ פַארְלִירְט מֶען דִי פַּרְנָסָה, אַזוֹי וְוִי דֶער רֶבִּי זָאגְט (שָׁם): ״הַמִּתְלוֹצֵץ מְזוֹנוֹתָיו מִתְמַעֲטִין״, מֶען פַארְלִירְט דִי גֶעלְט דוּרְךְ לֵיצָנוּת.

ווילְסְט שֶׁפַע, ווילְסְט הָאבְּן אַסַאךְ גֶעלְט? דֶער רֶבִּי זָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן תקיג): "עַל יְדֵי אֱמוּנַת צַדִּיקִים אֲמִתִּיִּים זוֹכֶה לְמָמוֹן הַרְבֵּה", דוּרְךְ אֱמוּנַת חֲכָמִים אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ הָאבְּן אַסַאךְ גֶעלְט, עַיֵּין שָׁם.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

**עֶס קוּמְט חוֹדֶשׁ אֱלוּל, וואוּ הַאלְט אִיךְ אוֹיף דֶער וֶועלְט?**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פָּרָשַׁת רְאֵה, כ"ב מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

חוֹדֶשׁ אֱלוּל אִיז שׁוֹין בַּיים טִיר, מֶען דַארְף זִיךְ מַאכְן אַ חֶשְׁבּוֹן, וָואס אִיז מַיין עִיקָר אִין לֶעבְּן? וָואס אִיז דָאס מֶערְסְטֶע חָשׁוּב בַּיי מִיר? מַיין גֶעלְט? מַיינֶע חֲבֵרִים? דִי תּוֹרָה? וָואס אִיז חָשׁוּב'ער אוּן וָואס וֶוייניגֶער?

אַנְשְׁטָאט פַארְבְּרֶענְגֶען אוּן פַארְבְּרֶענֶען צַייט מִיט חֲבֵרִים, גֵיי אַהֵיים צוּ דַיינֶע קִינְדֶער, אוּן נֶעם נִישְׁט מִיט דַיין אָפִּיס (דִי סמ'-טֶעלֶעפָאוֹן) אִין שְׁטוּבּ, אַזוֹי וֶועסְטוּ הָאבְּן סַבְלָנוּת צוּ זֵיי, דוּ וֶועסְט קֶענֶען שְׁמוּעֶסְן מִיט זֵיי, אוּן חַס וְשָׁלוֹם נִישְׁט שְׁלָאגְן; וַוייל שְׁלָאגְן קִינְדֶער אִיז נִישְׁט קַיין חִינוּךְ, שְׁלָאגְן קִינְדֶער אִיז אוֹיסְבְּלָאזְן דִי נֶערְוְון.

שְׁלָאג נִישְׁט דַיינֶע קִינְדֶער, אוּן זִיכֶער נִישְׁט וֶוען דוּ בִּיסְט אִיבֶּערְגֶעשְׁטְרֶענְגְט, וַוייל אוֹיבּ מֶען שְׁלָאגְט דִי קִינְדֶער וֶוען מֶען אִיז אִיבֶּערְגֶעשְׁטְרֶענְגְט - קֶען דָאס זַיין אַ גְרוֹיסֶע סַכָּנָה, מֶען קֶען זֵיי מַאכְן בַּעֲלֵי מוּמִין פַאר זֵייעֶר גַאנְץ לֶעבְּן. עֶס אִיז דָא אַסַאךְ מַעֲשִׂיוֹת צוּ דֶערְצֵיילְן פוּן עֶלְטֶערְן אוּן מְלַמְּדִים וָואס הָאבְּן גֶעמַאכְט זֵייעֶרֶע קִינְדֶער בַּעֲלֵי מוּמִין פַאר אַ גַאנְץ לֶעבְּן, לֹא עָלֵינוּ.

חוֹדֶשׁ אֱלוּל דַארְף מֶען זִיךְ מַאכְן אַ חֶשְׁבּוֹן הַנֶּפֶשׁ 'וִוי הַאלְט אִיךְ אוֹיף דֶער וֶועלְט? וָואס טוּ אִיךְ אוֹיף דֶער וֶועלְט? וָואס וֶועל אִיךְ עֶנְטְפֶערְן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט?' וָואס וֶועל אִיךְ עֶנְטְפֶערְן וֶוען מֶען וֶועט מִיךְ פְרֶעגְן דִי שְׁוֶוערֶע פְרַאגֶע (תַּנָּא דְבֵי אֵלִיָּהוּ רַבָּה, א): "עֲמוֹד וַעֲרוֹךְ מִקְרָא שֶׁקָּרִיתָ" הוֹיבּ אָן זָאגְן מִקְרָא וָואס דוּ הָאסְט גֶעלֶערְנְט, "עֲמוֹד וַעֲרוֹךְ מִשְׁנָה שֶׁשָּׁנִיתָ" הוֹיבּ אָן זָאגְן מִשְׁנָיוֹת וָואס דוּ הָאסְט גֶעלֶערְנְט; נֶעם אַ מִשְׁנָיוֹת אוּן יֶעדְן טָאג לֶערְן אַבִּיסְל תּוֹרָה אֲפִילוּ אָן

פַּארְשְׁטֵיין, נֶעם אַ גְמָרָא אוּן זָאג דִי וֶוערְטֶער פוּן דִי תּוֹרָה; דָאס וֶועט דִיךְ רֵיינִיגְן, אַזוֹי וֶועסְטוּ נִישְׁט פַאַרְשֶׁעמְט וֶוערְן בָּזֶה וּבַבָּא.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

## נֶעם אַ מִשְׁנַיוֹת, אַנְשְׁטָאט מִישְׁן נַייעֶס

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת רְאֵה, כ"ג מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

קוּק נִישְׁט קַיין מָאוִויס; אֲפִילוּ דִי וָואס אִיז נִישְׁט קַיין פְּרָאבְּלֶעם אִין דַיינֶע אוֹיגְן - אִיז אוֹיךְ אָסוּר צוּ קוּקְן. אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר הִיט דַיינֶע אוֹיגְן, הִיט דַיין מֹחַ מַחֲשָׁבָה, קוּק נִישְׁט קַיין עֲבֵירוֹת, רַייס זִיךְ נִישְׁט אָפּ פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אַז מֶען הִיט נִישְׁט דִי אוֹיגְן - אִיז מֶען נָאכְדֶעם פּוֹגֵם בִּבְרִית רַחֲמָנָא לִצְלָן, אוּן מֶען פַארְלִירְט אַלֶעס. וַוייל דִי עֲבֵירָה פוּן הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָּלָה אִיז אַזוֹי גֶעפֶערְלִיךְ, דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (נִדָּה יג:): "כָּל הַמּוֹצִיא שִׁכְבַת זֶרַע לְבַטָּלָה חַיָּיב מִיתָה", וֶוער עֶס זִינְדִיגְט אִין פְּגַם הַבְּרִית, עֶר אִיז מוֹצִיא זֶרַע לְבַטָּלָה רַחֲמָנָא לִצְלָן אִיז חַיָּיב מִיתָה, רֶבִּי יִצְחָק אוּן רֶבִּי אַמִּי זָאגְן: "כְּאִילוּ שׁוֹפֵךְ דָּמִים", עֶס אִיז אַזוֹי וִוי אֵיינֶער אִיז עוֹבֵר אוֹיף רְצִיחָה אוּן שְׁפִיכוּת דָמִים, רַב אַסִּי זָאגְט: "כְּאִילוּ עוֹבֵד עֲבוֹדַת כּוֹכָבִים", עֶס אִיז אַזוֹי וִוי עֶר דִינְט עֲבוֹדָה זָרָה רַחֲמָנָא לִצְלָן; דָאס אַלֶעס קוּמְט פוּן קוּקְן מָאוִויס רַחֲמָנָא לִצְלָן, פוּן גֵיין לֵיידִיג, דָאס בְּרֶענְגְט צוּ שְׁלֶעכְטְס; גֵיין לֵיידִיג בְּרֶענְגְט צוּ עֲבֵירוֹת, חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (כְּתוּבּוֹת נט:): "הַבַּטָּלָה מְבִיאָה לִידֵי זִמָּה וְלִידֵי שִׁעֲמוּם", לֵיידִיג גֵיין בְּרֶענְגְט צוּ אַלֶעס שְׁלֶעכְטְס. אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת נִיאוּף, סִימָן י): "אִישׁ בָּטֵל שֶׁאֵין עוֹסֵק בְּשׁוּם עֵסֶק, עַל יְדֵי זֶה תַּאֲוָתוֹ מְרֻבָּה וְכוּ'", דֶער לֵיידִיגֵייעֶר וָואס טוּט גָארְנִישְׁט - דֶער הָאט אַסַאךְ נִסְיוֹנוֹת אוּן פַאלְט אַרָאפּ אִין עֲבֵירוֹת, עַיֵּין שָׁם.

נֶעם אַ קְלֵיינֶע מִשְׁנַיוֹת אַנְשְׁטָאט דִי סמ'-טֶעלֶעפָאוֹן, נֶעם אַ מִשְׁנַיוֹת אַנְשְׁטָאט מִישְׁן נַייעֶס, מֶען פָארְט שׁוֹין כִּמְעַט צוּם רֶבִּי'ן קַיין אוּמַאן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה צוּ בַּאקוּמֶען טָהֳרַת הַמּוֹחִין, זָאלְסְטוּ מֶער נִישְׁט קוּקְן קַיין מָאוִויס וָואס שֶׁעדִיגְט דִי מֹחַ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

## די עֲבוֹדָה פוּן חוֹדֶשׁ אֱלוּל

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת רְאֵה, כ״ד מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן **לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

קוּמֶענְדִיגֶע וָואךְ מָאנְטָאג עֶרֶב רֹאשׁ חוֹדֶשׁ אֱלוּל - אִיז אַ טָאג וָואס אַלֶע קוּמֶען אִין שׁוּל זָאגְן יוֹם כִּיפּוּר קָטָן; אֲפִילוּ דִי וָואס זָאגְן נִישְׁט יֶעדְן עֶרֶב רֹאשׁ חוֹדֶשׁ יוֹם כִּיפּוּר קָטָן, אָבֶער עֶרֶב רֹאשׁ חוֹדֶשׁ אֱלוּל זָאגְן אַלֶע יוֹם כִּיפּוּר קָטָן.

בַּיי אוּנְז אִיז דֶער מִנְהָג אַז מֶען הוֹיבְּט אָן זָאגְן קַאפִּיטְל (כז) ״לְדָוִד ה׳ אוֹרִי וְיִשְׁעִי״ - בַּיי מִנְחָה פוּן עֶרֶב רֹאשׁ חוֹדֶשׁ אֱלוּל נָאךְ יוֹם כִּיפּוּר קָטָן, פַאר קַדִּישׁ תִּתְקַבֵּל.

דִי סְפַרְדִי׳שֶׁע אִידְן זָאגְן גַאנְץ חוֹדֶשׁ אֱלוּל סְלִיחוֹת, מִיר זָאגְן נָאר דִי וָואךְ פוּן רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אָבֶער מִיר הָאבְּן אוֹיךְ אַ קְלֵיינֶע סְלִיחוֹת וָואס מִיר זָאגְן יֶעדְן טָאג. קַאפִּיטְל (כז) ״לְדָוִד ה׳ אוֹרִי וְיִשְׁעִי״, דִי קַאפִּיטְל אִיז אַ מוֹרָא׳דִיגֶע קַאפִּיטְל, מֶען קֶען זִיךְ גוּט אוֹיסְרַוואשְׁן דָאס הַארְץ מִיט דִי קַאפִּיטְל; ״לְדָוִד״ דָוִד הַמֶּלֶךְ זִינְגְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, ״ה׳ אוֹרִי וְיִשְׁעִי״ דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מַיין לִיכְטִיגְקֵייט אוּן מַיין הֶעלְפֶער, ״מִמִּי אִירָא״ פוּן וֶועם זָאל אִיךְ זִיךְ פָארְכְטְן? ״ה׳ מָעוֹז חַיַּי״ דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דֶער שְׁטַארְקֵייט פוּן מַיין לֶעבְּן, ״מִמִּי אֶפְחָד״ פוּן וֶועם זָאל אִיךְ צִיטֶערְן? אַזֶעלְכֶע שֵׁיינֶע וֶוערְטֶער, ״אִם תַּחֲנֶה עָלַי מַחֲנֶה לֹא יִירָא לִבִּי״ אוֹיבּ וֶועלְן אוֹיפְשְׁטֵיין אוֹיף מִיר אַ גַאנְצֶע בַּאנְדֶע שְׁלֶעכְטֶע מֶענְטְשְׁן - הָאבּ אִיךְ אוֹיךְ נִישְׁט מוֹרָא, ״אִם תָּקוּם עָלַי מִלְחָמָה בְּזֹאת אֲנִי בוֹטֵחַ״ אוּן אוֹיבּ וֶועט מֶען מַאכְן אוֹיף מִיר אַ מִלְחָמָה - פַארְלָאז אִיךְ זִיךְ אוֹיפְן אֵייבֶּערְשְׁטְן.

מִיר פִירְן זִיךְ צוּ בְּלָאזְן שׁוֹפָר גַאנְץ חוֹדֶשׁ אֱלוּל נָאךְ קַדִּישׁ דְּרַבָּנָן, פַאר מֶען זָאגְט עָלֵינוּ לְשַׁבֵּחַ. דֶעם הֵיילִיגֶער אֲרִיזַ״ל זָאגְט, דִי רָאשֵׁי תֵּיבוֹת פוּן שׁוֹפָ״ר אִיז (דְּבָרִים כט, יז): ״שֹׁ׳רֶשׁ פֹּ׳רֶה רֹ׳אשׁ וְ׳לַעֲנָה״, דוּ וֵוייסְט אַוַדַאי וָואס מוֹהֲרַא״שׁ פְלֶעגְט שְׁטֶענְדִיג חַזֶר׳ן, לִכְאוֹרָה וָואס הָאט דֶער פָּסוּק מִיט בְּלָאזְן שׁוֹפָר? נָאר רַשִׁ״י זָאגְט, וָואס אִיז דָאס שֹׁ׳רֶשׁ פֹּ׳רֶה רֹ׳אשׁ וְ׳לַעֲנָה? ״שׁוֹרֶשׁ מְגַדֵּל עֵשֶׂב מַר כְּגִידִין שֶׁהֵם מָרִים, כְּלוֹמַר מַפְרֶה וּמַרְבֶּה רֶשַׁע בְּקִרְבְּכֶם״ וֶוען מֶען הֶערְט דֶעם שׁוֹפָר - דַארְף

דָאס אוֹיפְוֶועקְן מֶען זָאל תְּשׁוּבָה טוּן, אַרוֹיסְנֶעמֶען פוּן זִיךְ דָאס רִשְׁעוּת אוּן מֶען זָאל אָנְהוֹיבְּן קוּקְן גוּט אוֹיף אַנְדֶערֶע, אוּן טוּן נָאר חֶסֶד מִיט אַנְדֶערֶע.

מוֹהֲרָא"שׁ זָאגְט, אַלֶע עֲבוֹדוֹת וָואס מֶען דִינְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוֹיבּ הָאט מֶען פַּיינְט אַ צְוֵוייטְן אִיד - לַאכְט מֶען אִין הִימְל פוּן דֶעם אִיד. יֶעצְט אֱלוּל מוּז מֶען דָאס פַארְרֶעכְטְן, דִי דוֹרְשֵׁי רְשׁוּמוֹת זָאגְן, אֱלוּל אִיז רָאשֵׁי תֵּיבוֹת (אֶסְתֵּר ט, כב): "אִ'ישׁ לְ'רֵעֵהוּ וּ'מַתָּנוֹת לָ'אֶבְיוֹנִים", מוֹהֲרָא"שׁ זָאגְט, דִי עֲבוֹדָה פוּן אֱלוּל אִיז מַרְבֶּה זַיין לִיבְּשַׁאפְט, זִיךְ מוֹחֵל זַיין, זִיךְ אִיבֶּערְבֶּעטְן, זִיךְ פַארְגִינֶען; כָּל זְמַן מֶען הָאט פַּיינְט אַ צְוֵוייטְן אִיד - אִיז מֶען זֵייעֶר וַוייט פוּן תְּשׁוּבָה, מוֹהֲרָא"שׁ זָאגְט: "אָדָם יָכוֹל לָקוּם בַּחֲצוֹת", אַ מֶענְטְשׁ קֶען אוֹיפְשְׁטֵיין זָאגְן תִּיקוּן חֲצוֹת, "וּלְהִתְבּוֹדֵד", אוּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, "וְלִלְמוֹד", אוּן לֶערְנֶען, "לַעֲשׂוֹת עֲבוֹדוֹת קָשׁוֹת", אוּן טוּן שְׁטַארְקֶע עֲבוֹדוֹת בַּעֲבוֹדַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, "אֲבָל הוּא שׂוֹנֵא אֶת הַזּוּלַת", אוֹיבּ הָאט עֶר פַּיינְט אַ צְוֵוייטְן, "עַל לֹא דָבָר", פַאר גָארְנִישְׁט, "אֲזַי לְמַעְלָה בַּשָּׁמַיִם צוֹחֲקִים מִכָּל עֲבוֹדוֹת הַקָּשׁוֹת שֶׁלּוֹ", אִין הִימְל לַאכְט מֶען פוּן אַלֶע זַיינֶע עֲבוֹדוֹת, "וְהַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא אוֹמֵר לוֹ", אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט אִים, "אֵיךְ אֲקַבֵּל אֶת הָעֲבוֹדוֹת שֶׁלְּךָ", וִוי אַזוֹי וִוילְסְטוּ אִיךְ זָאל אָנְנֶעמֶען דַיינֶע עֲבוֹדוֹת, "בְּשָׁעָה שֶׁאַתָּה שׂוֹנֵא אֶת הַזּוּלַת", וֶוען דוּ הָאסְט פַּיינְט אַ צְוֵוייטְן, "וְעוֹבֵר עַל (וַיִּקְרָא יט, יז) 'לֹא תִשְׂנָא אֶת אָחִיךָ בִּלְבָבֶךָ'", (אֲשֶׁר בַּנַּחַל חֵלֶק לט, מִכְתָּב ו'תשט).

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

## עֶטְלִיכֶע פוּנְקְטְן פַאר דִי הַצְלָחָה פוּן דִי קִינְדֶער צוּם נֵייעֶם לֶערְן יָאר

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פָּרָשַׁת רְאֵה, כ"ה מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

קוּמֶענְדִיגֶע וָואךְ מָאנְטָאג הוֹיבְּן מִיר אָן נָאךְ אַ יָאר בֵּית פֵיגָא שׁוּלֶע, עֶס אִיז אוֹיסְגֶעשְׁטֶעלְט בַּיי רוֹב מוֹסְדוֹת אַז דִי מֵיידְל שׁוּלֶע הוֹיבְּט זִיךְ אָן חוֹדֶשׁ אֱלוּל, אוּן חֵדֶר פַאר דִי אִינְגְלֶעךְ הוֹיבְּט מֶען אָן - דִי נֵייעֶ יָאר - אִסְרוּ חַג סוּכּוֹת.

דִי שֶׁענְסְטֶע זַאךְ בַּיי אוּנְז אִין דִי קְהִילָּה אִיז דִי מוֹסְדוֹת; אַ תַּלְמוּד תּוֹרָה מִיט אַ מֵיידְל סְקוּל וָואס מֶען לֶערְנְט מִיט דִי קִינְדֶער אֱמוּנָה, קְדוּשָּׁה וּצְנִיעוּת, מֶען

גֶעבְּט אַכְטוּנְג אוֹיף יֶעדְן קִינְד אִים אוֹיפְצוּבּוֹיעֶן און אִים חַס וְחָלִילָה נִישְׁט צֶעקְלַאפְּן.

אִיךְ ווִיל דִיר שְׁרַייבְּן אַפָּאר זַאכְן אַז מִיר זָאלְן מַצְלִיחַ זַיין דִי יָאר מִיט דַיינֶע קִינְדֶער. מִיר דַארְפְן דַיין הִילְף, הַצְלָחָה קֶען נָאר זַיין אַז דוּ אוּן דַיין שְׁטוּבּ וֶועלְן אַרְבֶּעטְן אִינְאֵיינֶעם מִיט דִי מוֹסָד. הַדָבָר הָרִאשׁוֹן זָאלְסְט זֶען צוּ לֵייגְן דַיינֶע קִינְדֶער שְׁלָאפְן צַייטְלִיךְ, זֵיי זָאלְן קֶענֶען קוּמֶען צַייטְלִיךְ; שְׁלֶעפּ נִישְׁט אַרוּם דַיינֶע קִינְדֶער בַּיינַאכְט צוּ שִׂמְחוֹת אוּן צוּ פַּארְטִיס, זֶע דִי שְׁטוּבּ זָאל זַיין מְסוּדָר.

צְוֵוייטְנְס, הַאלְט זִיךְ נִישְׁט צוּרִיק פוּן אוֹיפְהֵייבְּן אַ טֶעלֶעפָאן און רוּפְן דֶער מְנַהֵל אוּן מְנַהֶלֶת, דוּרְכְשְׁמוּעֶסְן זַאכְן וָואס מֶען קֶען בֶּעסֶער מַאכְן, און זִיכֶער אוֹיבּ עֶס אִיז זַאכְן וָואס מֶען דַארְף פַארְרֶעכְטְן; יֶעדֶע פִּינְטְל, יֶעדֶע נַארִישְׁקֵייט - זָאלְסְטוּ רוּפְן און זָאגְן, אֲפִילוּ עֶס הָאט נִישְׁט מִיט דַיינֶע קִינְדֶער, אַזוֹי ווִי דִי וָוארְט גֵייט: "אַז דוּ זֶעסְט עֶפֶּעס - זָאג עֶפֶּעס".

עֶס טוּט וֵוייא פַאר מִיר, פַארְן מְנַהֵל און פַאר דִי מְנַהֶלֶת - וֶוען מֶען הֶערְט צוּרִיק זַאכְן בְּשֵׁם דִי עֶלְטֶערְן און בְּשֵׁם יֶענֶע עֶלְטֶערְן - אַז דָאס שְׁטֶערְט, און דָאס אִיז נִישְׁט גוּט, און אַז דָאס אִיז אַן עַוְלָה וְכוּ' וְכוּ'; פַארְוָואס זָאל מֶען נִישְׁט אַדוּרְכְשְׁמוּעֶסְן אָדֶער מִיטְן מְנַהֵל אָדֶער מִיט דִי מְנַהֶלֶת אָדֶער מִיט דֶער אַדְמִינִיסְטְרַאטָאר רְפָאֵל נֵרוֹ יָאִיר, און אַז עֶס אִיז אַ זַאךְ פוּן סְקוּל און מֶען הָאט עֶפֶּעס אוֹיף דִי מְנַהֶלֶת - קֶען מֶען אוֹיךְ רוּפְן דֶעם מְנַהֵל, און אַז עֶס אִיז אַ זַאךְ פוּן חֵדֶר וָואס מֶען הָאט עֶפֶּעס אוֹיפְן מְנַהֵל - קֶען מֶען רֶעדְן מִיט דִי מְנַהֶלֶת, אָדֶער מִיט דֶער אַדְמִינִיסְטְרַאטָאר רְפָאֵל.

טוּ אָן דַיינֶע טֶעכְטֶער אֵיידְל, נִישְׁט נָאר וֶוען זֵיי קוּמֶען אִין סְקוּל, נָאר אֲפִילוּ אִין שְׁטוּבּ, און אֲפִילוּ אִין דִי טֶעג וָואס מֶען גֵייט נִישְׁט אִין בֵּית פֵּיגָא - טוּ זֵיי אָן אֵיידְל, זָאג נִישְׁט 'זֵיי זֶענֶען יוּנְג, עֶס מַאכְט נִישְׁט אוֹיס'; וָואס וֶועסְטוּ קֶענֶען טוּן וֶוען זֵיי וֶועלְן עֶלְטֶער וֶוערְן און זִיךְ אָנְטוּן פְרָאסְט, קֵיינֶער וֶועט נִישְׁט הָאבְּן קַיין הַשְׁפָּעָה אוֹיף זֵיי, וָואס הָאסְטוּ מוֹרָא אַז דַיין טָאכְטֶער וֶועט גֵיין אָנְגֶעטוּן מִיט אַ קְלֵייד וָואס גֵייט נָאךְ דִי קְנִיעֶן און נִישְׁט אוֹיסְגֶעשְׁנִיטְן, אִיךְ בֶּעט דִיר מַיין לִיבֶּער טֵייעֶרֶער ..., לָאמִיר אַרְבֶּעטְן אִינְאֵיינֶעם, וֶועסְטוּ זֶען שֵׁיינֶע פֵּירוֹת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

פְּאֵר קִינְדֶער

## דִי שְׁטְרָאף פוּן וֶוערְן מְגוּלְגָל

"קֶענְסְט מִיר פַארְקוֹיפְן אַ פֶערְד?" פְרֶעגְט דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב, "אַוַדַאי!" עֶנְטְפֶערְט דֶער פּוֹיעֶר, "אִיךְ הָאבּ גוּטֶע פֶערְד, קוּם רֶבִּי אִיךְ וֶועל אַייךְ וַוייזְן מַיינֶע גוּטֶע פֶערְד".

דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ קוּקְט זִיךְ אוּם אוֹיף דִי פֶערְד, אוּן פְרֶעגְט דֶעם פּוֹיעֶר: "אֶפְשָׁר קֶען אִיךְ קוֹיפְן דֶעם קְלֵיינֶעם דַארְן פֶערְד?" "נֵיין, נֵיין!" זָאגְט דֶער פּוֹיעֶר, "דֶעם קְלֵיינֶעם דַארְן פֶערְד גֶעבּ אִיךְ קֵיינֶעם נִישְׁט אַוֶועק, דָאס אִיז מַיין בֶּעסְטֶע פֶערְד וָואס אִיךְ הָאבּ נָאר אַמָאל גֶעהַאט, יֶעדֶע שְׁוֶוערֶע וֶועג וָואס דְרֵיי פֶערְד קֶענֶען דֶעם וָואגְן נִישְׁט שְׁלֶעפְּן, קֶען אָבֶּער דֶער קְלֵיינֶער דַארֶער פֶערְד יָא שְׁלֶעפְּן", דֶער פּוֹיעֶר זָאגְט: "אִיךְ קֶען פַארְקוֹיפְן פַארְן רֶבִּי'ן אַלֶע פֶערְד, אוֹיסֶער דֶעם פֶערְד".

דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב שְׁמוּעֶסְט מִיטְן פּוֹיעֶר, אוּן עֶר הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן שְׁמוּעֶסְן פוּן חוֹבוֹת; וִויפִיל חוֹבוֹת עֶר הָאט, וִויפִיל מֶענְטְשְׁן זֶענֶען אִים שׁוּלְדִיג, דֶער פּוֹיעֶר בְּרֶענְגְט אַרוֹיס זַיינֶע צֶעטְלֶעךְ אוּן הוֹיבְּט אָן צֵיילְן זַיינֶע שְׁטָרוֹת, בַּיי אֵיין שְׁטַר זָאגְט עֶר פַארְן בַּעַל שֵׁם טוֹב: "דֶער שְׁטַר אִיז שׁוֹין גָארְנִישְׁט



"דֶער שְׁטַר אִיז שוֹין גָארְנִישְׁט וֶועְרד"

ווערד, דֶער בַּעַל חוֹב אִיז שׁוֹין גֶעשְׁטָארְבְּן״, פְּרֶעגְט אִים דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב: ״נוּ אֶפְשָׁר קֶען אִיךְ הָאבְּן דֶעם שְׁטַר חוֹב בְּמַתָּנָה?״ ״אַוַדַאי!״ עֶנְטְפֶערְט דֶער פּוֹיעֶר, ״אִיךְ גֶעבּ דִיר אַוֶועק דֶעם שְׁטַר בְּמַתָּנָה גְּמוּרָה, עֶס אִיז גָארְנִישְׁט ווערְד״.

דֶער צַדִיק צֶערַייסְט דֶער שְׁטַר אוּן זָאגְט הוֹיךְ אוֹיפְן קוֹל: ״מָחוּל לָךְ, מָחוּל לָךְ, מָחוּל לָךְ״, דָאס מֵיינְט, ׳דִי חוֹב וָואס דוּ בִּיסְט שׁוּלְדִיג - אִיז בָּטֵל׳, אוּן דֶער צַדִיק זָאגְט פַארְן פּוֹיעֶר: ״לָאמִיר גֵיין צוּרִיק אִין שְׁטַאל, לָאמִיר זֶען דִי פֶערְד״; זֵיי גֵייעֶן אוּן זֶעעֶן ווִי דֶער קְלֵיינֶער דַארֶער פֶערְדְל לִיגְט טוֹיט אוֹיף דֶער עֶרְד...

דֶער צַדִיק אִיז מְגַלֶּה פַארְן פּוֹיעֶר וָואס דָא הָאט פַּאסִירְט, וֶוען אַ מֶענְטְשׁ גֵייט אַוֶועק פוּן דֶער וֶועלְט אוּן מֶען בְּלַייבְּט שׁוּלְדִיג גֶעלְט, אָדֶער אוֹיבּ מֶען הָאט חַס וְשָׁלוֹם גֶע׳גַנֶבְ׳עֶט פוּן אַ צְוֵוייטְן אוּן מֶען שְׁטַארְבְּט - הָאט דִי נְשָׁמָה נִישְׁט קַיין רוּ, דִי נְשָׁמָה קֶען נִישְׁט אָנְקוּמֶען אִין גַן עֵדֶן, דִי נְשָׁמָה דַארְף אַרָאפְּקוּמֶען נָאכְאַמָאל אוּן בַּאצָאלְן דִי חוֹב אוּן דִי גְנֵיבָה.

״דֶערִיבֶּער״ - זָאגְט דֶער צַדִיק - ״דִי נְשָׁמָה פוּנֶעם בַּעַל חוֹב אִיז אַרַיין אִין דֶעם קְלֵיינֶעם דַארְן פֶערְד אוּן זִיךְ גֶעדַארְפְט פַּיינִיגְן, עֶר הָאט גֶעדַארְפְט אַרְבֶּעטְן פַאר דִיר אָפְּצוּצָאלְן זַיין חוֹב, אוּן יֶעצְט אַז דוּ הָאסְט מִיר אַוֶועק גֶעגֶעבְּן בְּמַתָּנָה דֶעם שְׁטַר חוֹב אוּן אִיךְ הָאבּ אִים מוֹחֵל גֶעוֶוען, הָאט דִי נְשָׁמָה שׁוֹין נִישְׁט וָואס צוּ זַיין דָא אוֹיף דִי וֶועלְט, אִיז דִי פֶערְד גֶעשְׁטָארְבְּן״.

טַייעֶרֶע קִינְדֶער, מִיר לֶערְנֶען זִיךְ פוּן דִי מַעֲשֶׂה צוּ אַכְטוּנְג גֶעבְּן נִישְׁט גַנְבְ׳עֶנֶען פוּן קֵיינֶעם אוּן נִישְׁט בָּארְגְן קַיין גֶעלְט פוּן קֵיינֶעם, אוּן אוֹיבּ מֶען הָאט יָא גֶעבָּארְגְט גֶעלְט, אָדֶער חַס וְשָׁלוֹם גֶע׳גַנֶבְ׳עֶט - זָאל מֶען בַּאצָאלְן דִי חוֹב אוּן דִי גְנֵיבָה, נִישְׁט צוּ דַארְפְן לַיידְן.